STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02047

# BERNSHTEYNS NAYER YUDISHER FOLK'S-BRIFENSHTELER

Aaron David Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערנשטיינס נייער יודישער

55

# פאלק'ס-בריפענשטעלער

מוסטערן פון בריף פיר אנפאנגער און גרויסע פון אלע קלאסען,
פיר אלע אינטערעסען פון אלטעגליכען לעבען.

מיט א בײלאגע

## דער יודישער
## קאליגראפישער בריפענשטעלער.

זעהר וויכטיג פיר יונגערע און עלטערע קינדער
אויסצובעסערן שלעכטע האנדשריפטען.

פערלאג ב. שימין, ווארשא.

ЕВРЕЙСКІЙ ПИСМОВНИКЪ

Zum andenken

meinen lieben Freund

Sini

von. L. Bromberg.

31/VII 25.

1912 г.

Печ въ Тип. Г. Пиментъ и Я. Швабе, Варшава. Съ[illegible]овская 4.

# אײַנלײטונג.

## 1. װעגען בריװ בכלל און אידישע בריװ בעזונדער.

מיט דער אױסגאַבע פֿון אַנ'אָנשטענדיגען אידישען „בריװענשטעלער" פֿילען מיר אױס אַ בעדײַטענדען מאַנגעל אין דעם אַלטעגליכען, פּראַקטישען טײל פֿון אונזער ליטעראַטור. עס איז איבריג פֿיעל צו רעדען װעגען דער אונגעהױער־װיכטיגער ראָליע, װאָס דער בריװ שפּיעלט אין'ם פֿערקעהר פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿט אין אַלגעמײן און אין'ם לעבען פֿון אונזער צװײטען און צושפּרײטען פֿאָלק בעזונדער, װער װײס עס דען נישט, אַז די בריװ דיענען אונז אַלס מױל, אױף צו רעדען מיט יענע נאָהנטע אָדער נױטיגע פּערזאָנען, װעלכע געפֿינען זיך װײט פֿון אונז? װער פֿון אונז פֿערשטעהט דען נישט, אַז אַװעקשיקענדיג אַ בריװ צו װעמען ס'איז, — אָפֿט זאָגאַר אױך צו אַזאַ פּערזאָן, װאָס האָט אונז קײן מאָל אין די אױגען נישט געזעהען, — שיקען מיר דערמיט אַװעק אױך אַ מאַסשטאַב אױף צו מעסטען אונזערע נײַגונגען, אונזער פֿערשטאַנד, אונזער טאַקט־געפֿיהל און נאָך פֿיעל אַנדערע אַזעלכע שטריכען, װאָס געבען איהם די מעגליכקײט זיך פֿאָרצושטעלען אַ קלאָר בילד פֿון אונזער גאַנצער גײַסטיגער פֿיזיאָנאָמיע?

דאָס בעקאַנטע שפּריכװאָרט זאָגט: „שרײַב, װי דו רעדסט". דאָס איז אָבער נישט אינגאַנצען ריכטיג; שרײַבען מוז מען, אײגענטליך, בעסער, װי מען רעדט, װאָרום אױב אין'ם רעדען בעקומען פֿיעל װערטער אַ שענערן אָבקלאַנג, אַ דאַנק דער לעבעדיגער בעטאָנונג, און פֿיעל נישט פּאַסענדע װערטער געהען, פֿערקעהרט, פֿערבײַ די אױערן פֿון הערער און בלײַבען אינגאַנצען אונבעמערקט, — איז אין אַ געשריבענעם בריװ קײן אײנער פֿון די בײדע פֿאַלען נישט מעגליך: געשריבענע װערטער האָבען קײן לעבעדיגען קלאַנג נישט און קײן אײנס פֿון זײ געהט נישט פֿערלױרען; אַלע שטעהען זײ, װי לעבעדיג, פֿאַר די אױגען פֿון דעם, צו װעמען זײ זענען געװענדעט, און ער האָט די מעגליכקײט זײ אײנמאָל און נאָכאַמאָל און אַ דריטעס מאָל צו לײענען און אַרײַנצודרינגען אין יעדען װינקעל, אין יעדען שטריך, אין יעדען בוכשטאַב זײערען.

שרײַבען אבריעף איז נאָך דעריבער װעניג; מ׳דאַרף איהם אויך קענען שרײַבען. יעדער בריעף מוז אַגאַנצע זאַך זײַן; מוז איבערגעבען אַלץ, װאָס דער שרײַבער װיל אין איהם איבערגעבען; מוז אַבעשטימטען טאָן און אַבעשטימטע פאָרם האָבען, און מיר געדענקען נאָך אַלע יענע „אַלטע, גוטע צײַטען״, װען קענען „שײַן אבריװעל אָנשרײַבען״ האָט זיך גערעכענט בײַ אונז פאַר אײַנער פון די גרעסטע „השלמות״, און יעדעם שטעדטעל האָט זיך איהר „שרײַבער״ געהאַט, צו װעלכען אַלע פלעגען קומען אויסגיעסען זײַערע הערצער, בעטענדיג, ער זאָל דאָס „למען השם אַלץ אַרײַנשרײַבען״, און װעלכע פלעגען זיך דערנאָך „מחיה זײַן״, װען ער פלעגט זײ דאָס געשריבענע איבערלײַענען.

יענע „אַלטע, גוטע צײַטען״ זענען שוין אָבער לאַנג אַריבער — יעדערער כמעט שרײַבט זיך שוין בײַ אונז זײַנע בריעף אַלײן, אָהן דער הילף פון אַ„שרײַבער״, און צוזאַמען מיט דעם לעצטען איז אונטערגעגאַנגען אויך דער אַלטער, סקאַרבאָװער נוסח מיט זײַן טראַדיציאָנעלען: ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, דאָס איך בין ב״ה בקו החיים והשלום עצהיו״ט. פערדיענט דערפון האָט אָבער דער אידישער בריעף גאָרנישט. צוזאַמען מיט דעם װואוקס פון די שמר׳ישע ראָמאַנען, האָט זיך אין אָנהויב אויסגעבילדעט בײַ אונז אַלעכערליכע פאָרם פון בריעף, װאָס זענען געשריבען געװאָרען אויף אַמשונה׳דיגען, דײַטשמערישען לשון און האָבען געמוזט ענטהאַלטען אין זיך אַגאַנצען ים מיט אויסטערלישע מליצות װעגען „זאָננע״, „מאָנד״, „ענגעלס״ א. א. װ.

די דאָזיגע אָנגעשװאָלענע דײַטשע פסוקים, װעלכע האָבען פערטרעטען די אַלט-אידישע, אײַנפאַכע בריעף-פאָרם, האָבען אַלאַנגע צײַט כמעט זעלבסטשטענדיג געהערשט אין דעם אידישען בריעף, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַפילו אויך שפּעטער, אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען, װען עס האָבען זיך שוין אַרײַנגעריסען אַהין אויך מאַסען רוסישע װערטער מיט רוסישע פסוקים (אין פוילען, נאַטירליך, פוילישע), איז דער פאָן, אָדער די גרונד-שפּראַך, פון דעם אידישען בריעף נאָך אַלץ געבליבען — דאָס אַמאָליגע „דײַטשמעריש״, און ביז הײַנטיגען טאָג נאָך האָט זיך די לאַגע אין דער הינזיכט גאַנץ װעניג געענדערט צום גוטען. די װירקונג פון אונזער נײַער ליטעראַטור בעמערקט זיך נאָך, פאָרלויפיג, גאַנץ װעניג אין דעם אַלטעגליכען אידישען לעבען; דער אידישער מיטעלער בעל-הבית, האַלב-אינטעליגענט, אַרבײַטער א. א. װ. איז נאָך דערװײַל גאַנץ װײַט פון דעם רעספּעקט-געפיהל צו זיך

אליין און צו זיין שפראך, וואס זאל איהם אבהאלטען פון אריינמישען אויף יעדען טריט און שריט צעהנדליגער נישט נויטיגע גערמאנישע און סלאווישע ווערטער, וועלכע פערדארבען דעם גאנצען ריטם, די גאנצע איינהייט און דעם גאנצען כאראקטער פון דער אידישער שפראך און מאכען איהר עהנליך צו אווירקליכען, פון „האלב דייטשיש“ און „פאלא-ווינא רייסיש“ צוזאמענגעשטעלטען, זשארגאן.

און אט די דאזיגע ברייטערע שיכטען פון פאלק שרייבען נאך ערגער, ווי זיי רעדען. רעדענדיג וועט קיין איינציגער פון די קלאסען נישט זאגען אנדערש, ווי: איך קום, איך וועל געהן, דו האסט מיר צוגעזאגט א. א. וו. און דערזעלביגער וועט אין אבריעף צו זיינעם אחבר שרייבען: איך קאממע, איך ווערדע געהן, דוא האסט מיר פערשפראכען און נאך אזוינס, שוין נישט רעדענדיג וועגען די צעהנדליגער אנדערע אונגעהויערע בארבאריזמען, וועלכע מוזען אעקעל ארויסרופען ביי יעדען מעהר ענטוויקעלטען, מעהר עסטעטישען מענשען!

אזוי זעהט אוים די שפראך אליין; און וועלכער איד רעכענט זיך עס ביים שרייבען אאידישען בריעף מיט אזא „קלייניגקייט“, ווי שטעלען אויפ'ן פלאץ אפונקט, אקאמא, אדאפעל-פונקט און נאך אנדערע אזעלכע „נארעשקייטען“, אהן וועלכע דער בריעף זעהט אינגאנצען אוים, ווי אצוגאסענע מאסע אהן אשום פארם, אהן אשום חן און אהן אשום גאנצקייט,—אט, ווי ווען דאס וואלט ווירקליך זיין עפעס אמין האטענטאטען-שפראך, וואס האט אין זיך קיין קלאנג און קיין פארם נישט!

דאס אלץ האבען מיר געזעהען פאר זיך און אין אכט גענומען, צוזאמענשטעלענדיג אונזער איצטיגען „בריעפענשטעלער“, אין וועלכען מיר האבען זיך בעמיהט אריינצונעהמען געקליבענע מוסטערן פון אלץ, וואס האט נאר עפעס אשטיקעל שייכות צו דעם אלטעגליכען, פריוואטען לעבען; און ווילענדיג מעהר פערזיכערן די פרוכט פון אונזער ארבייט, גיעבען מיר דא דעם לעזער די פערשיעדענע כללים און רעגעלן, מיט וועלכע מ'דארף זיך רעכנען ביים שרייבען וואס ס'איז.

## II. די פונקטירונג אדער די פונקט-צייכענס.

עס גיעבען פאלגענדע פונקט-צייכענס:

1) דער פונקט (.). ער דיענט אלס שלוס-צייכען פאר אגאנצען, איינפאכען, אדער צוזאמענגעזעצטען זאץ, וואו עס קומט נישט נאך איהם קיין פערבינדונגס-ווארט, און וואו די שטימע לאזט זיך אראב.

צום בּײַשפּיעל: איך האָב איהם גערופען, האָט ער נישט געוואָלט געהן.

אמאָל קען אויסקומען צו שטעלען אפונקט נאָך אַן׳אײַנצעלנעם וואָרט אָדער נאָך עטליכע ווערטער. צום בּײַשפּיעל: אימיצער איז דאָ געוועזען? ניין, אָדער חסיד׳ישע מעשה׳לעך. ערשטעס העפט.

אָפט שטעלט מען דעם פּונקט אויך אַלס אָבּקירצונגס־צײַכען. דאָס קומט אויס צו טאָן אַממעהרסטענטײַל בּײַ ווערטער, וועלכע ווערען נישט אויסגעשריבען אינגאַנצען, ווי: סט. (סאַנקט), צ. ב. ש. (צום בּײַשפּיעל), ד. ה. (דאָס הײַסט), א. א. וו. (און אַזוי ווײַטער). אָפטמאָל ווערען די פּונקטען בּענוצט אויך בּײַ אָרדנונגס־ציפערן, ווי: דער 1., 3., 5 און 7 חודש. ווען עס קומט אויס צו שטעלען אַגאַנצע רײַהע ציפערן, וועלכע ווערען געלײַענט בּעזונדער, שטעלט מען אויך אַפּונקט (אָדער אַקאָמאַ) אַלס שײַדונגס־צײַכען. צום בּײַשפּיעל: מ׳האָט געצויגען די נומערען 2, 5, 14, 126, 881.

2) דער דאָפּעלפּונקט. דאָס קאָלאָן ( ) ווערט בּענוצט דאָרט, וואו דער שרײַבּער וויל בּרענגען עפּעס אַמאמר פון אימיצען, אָדער ווען ער וויל עפּעס אויספיהרען און אַרויסדרינגען פון זײַנע אײגענע ווערטער. צום בּײַשפּיעל: די תורה זאָגט: דו זאָלסט ליעב האָבּען דײַן חבר, ווי דיך זעלבּסט. איך זאָג: נאַרישקײַט איז אַמענשליכע זאַך. דערבּײַ איז מיר אײַנגעפאַלען פּרץ׳עס בּעקאַנטער אַפאָריזם: יעדערער פון אונז האָט אין זיך אַשטיק „חעלעמער מלמד״. דער דאָפּעלפּונקט ווערט געשטעלט אויך דאָרט, וואו דער שרײַבּער ציהט אָן אַלענגערען זאַץ און וויל צוציהען די אויפמערקזאַמקײַט פון לעזער בּעזונדער אויף דעם סוף, וואָס ענטהאַלט אין זיך דעם אויספיהר פונ׳ם גאַנצען געדאַנק. צום בּײַשפּיעל: ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער איז ענדליך שוין בּעפרײַט געוואָרען פון די צרות, וואָס האָבּען איהם נישט געלאָזען אַרבּײַטען בּײַטאָג און רוהען בּײַנאַכט; וואָס האָבּען איהם זײַן לעבּען פערבּיטערט און קראַנק געמאַכט: פון די בּעלי־חובות. אויסער דעם ווערט בּענוצט דער דאָפּעלפּונקט אויך אין יענעם פאַל, וואו עס ווערען אויסגעצעהלט פערשידענע בּײַשפּיעלען, אָדער נעמען: למשל, די אַלטע וועלט האָט געוואוסט בּלויז פון 5 עלעמענטען: ערד, וואַסער, פײַער, לופט, און ליכטיגקײַט.

3) דער שטריכפּונקט. דאָס סעמיקאָלאָן (;) איז צוזאַמענגעזעצט פון אַפּונקט מיט אַקאָמאַ און ער שטעהט לויט זײַן בּעדײַטונג צווישען אַט די בּײדע צײַכענס. דער שטריכפּונקט ווערט אָנגעווענדעט בּײַ

דעם סוף פון א זאץ, וואס איז אן און פאר זיך פאלשטענדיג און געענדיגט, נאר ער ווערט פון דעסטוועגען דורך א צווייטען זאץ בעגרענעצט, ערקלערט, גענויער בעשטימט, בעגרינדעט א. א. וו. צום ביישפיעל: מיין פאטער איז נעכטען פלוצלינג קראנק געווארען; איהם איז אבער בעסער געווארען, נאך איידער דער דאקטאר איז געקומען. — אלע זוכען מיר דאס גליק; גאנץ ווייניג אבער זענען די, וואס געפינען איהם. — ער האט געליטען פון א אונהיילבארער קראנקהייט; היפאקראטעס אליין וואלט איהם אויך נישט געקענט העלפען. — מיט דעם לעצטען טראנספארט בין איך נישט צופריעדען; די ערשטע זענען פיעל בעסער געוועזען. — ווייטער שטעלט מען דעם שטריך-פונקט צווישען די איינצעלנע טיילען פון א לאנגען זאץ, וועלכע זענען צווישען זיך נישט אויף אזוי פיעל ענג פערבונדען, אז א בלויזער קאמא זאל גענוג זיין זיי פונאנדערצושיידען; צום ביישפיעל: דו האסט מיר אפילו אויף איינעם פון די בריעף, וואס איך האב דיר געשריעבען, נישט געענטפערט; דו האסט מיין זוהן בעליידיגט און פאר אלעמען אין די אויגען געזידעלט; דו האסט זיך זאגאר ערלויבט מיין לעצטען בריעף אויף שטיקלעך צוצורייסען און אין פייער צו ווארפען: איז דאס דער יושר, וועגען וועלכען דו רעדסט? אדער: דער יונגער מענש איז ערשטענס פויל; צווייטענס, זענען זיינע פעהיגקייטען זעהר שוואכע; דריטענס, איז ער זעהר פער'עקשנ'ט א. א. וו. — אין גאנץ קורצע זאצען ווערט געשטעלט בלויז א קאמא אנשטאט דעם שטריך-פונקט; צום ביישפיעל: איך האב דיך געהערט, אבער נישט געזעהען. — עס איז נישט גרין, נאר בלוי.

4) דאס שטריכעל (קאמא,) ווערט בענוצט אממעהרסטען פון אלע אנדערע צייכענס. גאנץ אפט ווערט עס בענוצט אין צווייען, וואו עס קומט אויס איינצושליסען א געוויסען זאץ; צום ביישפיעל: אלע מענשען, וואס לעבען אויף דר'ערד, זענען אונגליקליך. — איך האב, זאגט ער, שוין אלץ אין ארדנונג געבראכט. — איך וועל, ווי ווייט נאר מעגליך וועט זיין, זיך בעמיהען צו טאן, וואס דו בעטסט. — צו אפט דארף מען זיך אבער מיט דעם קאמא נישט בענוצען און בעזונדער נישט שען איז, ווען מ'שטעלט אריין א קאמא אין מיטען פון א גאנץ איינפאכען זאץ און דערצו נאך פאר א צייט-ווארט; למשל: אין איינעם פון די שענסטע זומער-טעג, זענען מיר געפאהרען אין וואלד. 2) דאס קאמא קומט נאך יעדען בעגריף, וואס ווערט ערקלערט אדער בעשטימט דורך א צווייטען זאץ, ד. ה. אלזא פאר די ווערטער: וועלכער, וואס א. א. וו. צום ביישפיעל: אט איז דאס בוך, וואס איך האב געזוכט. — איך האב געזעהען

א מענשען, וועלכע אלע זענען נאכגעלאפען. — 3) דאס קאמא קומט נאך יעדען זאץ, וואס האט זיין אייגענעם, זיין זיך בעשטימענדען צייטווארט; צום ביישפיעל: איך ליעב דיך, וויל דו ביזט גוט און שען. — איך זאג דיר, אז דו דארפסט נאך א סך לעהרנען. — ווער ס'איז א מאן, זאגט נישט, וואס ער וויל טאן, נאר טוט'ס. — 4) דאס קאמא קומט אפט אנשטאט דעם פערבינדונגס־ווארט און; צום ביישפיעל: לאנדאן, וויען, בערלין, פאריז און פעקין זענען די גרעסטע הויפטשטעדט (אנשטאט: לאנדאן און וויען און בערלין, א. א. וו.). — איך בין געקומען, האב געזעהען און געזיעגט. — דער געשיקטער, ממזר'יש־קלוגער און שארפבליקענדער דיכטער. — מען שרייבט אבער אויך: א שענער אלטער מאן, א רייצענדע קליינע דאמע א. א. וו. דאס פערבינדונגס־ווארט און שטויסט ארויס דעם קאמא, ווען עס פערבינדט צוויי זאצען. למשל, איך בין געפאהרען קיין ווארשא און מיין ברודער קיין ווילנא. — איך קען דיר נישט העלפען און דיין ברודער אויך נישט. — ווען די צווייטע העלפט פון זאץ האט אבער אין זיך א בעזונדער צייט־ווארט, מוז פאר דעם און א קאמא שטעהן; צום ביישפיעל: איך קען ארבייטען, און מיין ברודער לעדיג ארומגעהן. — איך האב עס נישט געקענט, און דו גלויבסט עס צו קענען? 6) פאר דעם ווארט אדער קומט נישט קיין קאמא, ווען דאס ווארט דיענט אלס ערקלערונג; צב"ש: אבן נגף אדער א שטיין אין וועג. — דער פריהלינג פון לעבען אדער די קינדהייט. — ווען דער אדער קומט אלס צושיידונגס־אדער אלס געגענזאץ־ווארט, און אין דעם גאנצען זאץ איז נישט מעהר פערהאן, ווי איין צייטווארט, פאלט אויך ארויס דאס קאמא: דא מוז א מענש אדער א חיה זיך געפינען. — קוים אבער האט די צווייטע העלפט פון זאץ א בעזונדער צייט־ווארט, קומט דא אויך א קאמא: קום גלייך צופאהרען, אדער שרייב וועניגסטענס. אין גאנץ קורצע זאצען איז מען מיט די קאמא'ס געוועהנליך שפארזאמער; צום ביישפיעל: איך וויים נישט וואס צו זאגען. — דו קומסט אדער דו געהסט. —

5) דאס פראגעצייכען (?) קומט נאך אווירקליכער פראגע, וואו דער טאן אין רעדען הערט זיך ווי געוועהנליך; צב"ש: וואס זאגסטו דערצו? וואס מאכסטו? ווי געהט'ס דיר? — ווען די פראגע ווערט אבער בלויז אינמיטען אנ'אנדער זאץ אריינגענומען, קומט נישט קיין פראגע־צייכען; צום ביישפיעל: איך האב איהם געפרעגט, צי ער האט מיך ליעב. — ער האט געפרעגט, פארוואס דו קומסט נישט. — ווען מ'שטעלט אבער אוועק די זעלביגע פראגע קלאר און בעשטימט, מוז מען דאן א פראגע־צייכען שטעלען; למשל: איך האב איהם געפרעגט: ליעבסטו

מיך? — ער האָט געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו אויפגעהערט קומען צו מיר?

מאַנכע אויסרופונגען און אויסגעשרייען קלינגען זעהר ענליך צו אַ פראַגע; צב״ש: ווען ווערסטו שוין אַמאָל קליגער ווערען! — ביי אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך רעכנען דערמיט, צו דאָ דאַרף נאָך קומען אַ ענטפער אויף דעם, צו נישט. אינ׳ם ערשטען פאַל הייסט עס אַ פראַגע-זאַץ אינ׳ם צווייטען — אַ אויסרופס-זאַץ. (אָפט שטעלט מען אין אַזאַ פאַל — ביידע).

דאָס פראַגע-צייכען ווערט שטענדיג געשטעלט צום סוף פון דעם גאַנצען זאַץ; ווי: פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען, ווען איך האָב געשיקט נאָך דיר?

6) דאָס אויסרופס-צייכען (!) ווערט געשטעלט נאָך אַ קורצען זאַץ, וואָס דריקט אויס אַ שטאַרקען געפיהל, אַהייסען פערלאַנג, אַ אויסרוף אָדער אַבעפעהל; צום ביישפיעל: אָ! אַח! אַח ווי שען! וואָס וועט עס פון אונז ווערען! גענוג! אַסוף דערמיט! ווי גליקליך וואָלט איך מיך דאַן פיהלען! פאַראויס!

געוועהנליך בענוצט מען זיך מיט דעם צייכען אויך ביי דעם טיטול אין אַבריעף א. א. וו.: גנעדיגער הערר! — ליעבער, גוטער דוד! — בכלל איז בעסער מיט דעם צייכען זיך וואָס שפּאָרזאַמער צו בעגעהן.

7) דעם שטריך (געדאַנקענשטריך —) שטעלט מען, אום אָנצוּווייזען, אַז דאָ קומט עטוואָס גאַנץ נייעס, אונערוואַרטעטעס אָדער שטאַרקעס, וואָס דאַרף אַ בעזונדער איינדריק מאַכען; צום ביישפיעל: ער האָט געלעבט, געלד פערדיענט, אַ ווייב גענומען, קינדער געהאַט און — איז געשטאָרבען. — איך האָב איהם אָנגעוויזען אויף דאָס שענסטע און רייצענדסטע, וואָס דאָס לעבען פערמאָגט — אויף דער אילוזיע.

אָפט לאָזט מען איבער אַ זאַץ אינמיטען און מ׳לאָזט איבער דעם לעזער (אָדער דעם הערער), ער זאָל דעם סוף אַליין פערשטעהן; אין דעם פאַל קומט אַ שטריך: איך האָב דאָס גערן געוואָלט, נאָר —; איהר זענט אַלע גוטע —; אַמאָל בענוצט מען זיך מיט דעם שטריך אויך דאָרט, וואו מ׳מוז אַריינשליסען אינמיטען אַזאַ פראַזע, וואָס וועט צושטערן די פאָרם פונ׳ם גאַנצען זאַץ; דאַן קומען צוויי שטריכען פון ביידע זייטען, צום ביישפיעל: ווער עס וויל לאַנג לעבען — און וועלכער מענש וויל עס נישט! — דער זאָל א. א. וו. אָדער: יהודה המכבי — און צוזאַמען מיט איהם אויך זיינע איבריגע ברידער — האָט צוריקגעשטעלט די אידישע מאַכט און דעם אידישען כבוד.

מיט דעם שטריך בעצייכענט מען אפט אין צווייפעל, איבערלעגונג, ליידענשאפטליכע האסטיגקייט; צום ביישפיעל: זאל איך — זאל איך נישט? גאט!—וואס זעה איך!—

8) די האלבע לבנה׳ס אדער קלאמערעס () [] ווערען געברויכט, אום איינצושליעסען אדער אבצוטיילען אזעלכע ווערטער, וועלכע געהערן אייגענטליך נישט צו דער גאנצער זאך, נאר ענטהאלטען אין זיך עפעס א בעמערקונג, א צווייטען נאמען, א ביילויפיגע ערקלערונג א. א. וו.

9) די גענזענפיסלעך („ “) ווערען געשטעלט איף צו בעצייכנען א פרעמדען זאץ, א אויסצוג פון א פרעמדען ווערק א. א. וו. זיי שטעהען ביים אנהויב און ביים סוף פון דעם דאזיגען ציטאט, און אים פאל, אויב דער ציטאט פערנעהמט מעהרערע שורות — אויך אין אנהויב פון יעדער שורה.

10) דאס טיילונגס־צייכען (=) שטעהט ערשטענס דארט, וואו עס ענדיגט זיך די שורה אינמיטען א ווארט און עטליכע זילבען פון איהם מוזען איבערגעטראגען ווערען אויף א צווייטער שורה. ווייטער ווערט עס געשטעלט צווישען צוויי צוזאמענגעזעצטע ווערטער, וועלכע בעצייכענען צוזאמען איין זאך; ווי: שען־געפארמטער; גענעראל־אונטערזוכונג; איינ־ און אויספאקען; טרייסט־ און מיטלײדס־אויסדריק; די דעאיסטען, נאטוראליכטען, פאזיטיוויסטען און אנדערע ־איסטען.

11) דער אפאסטראף (׳) ווייזט אן, אז אין דעם ווארט זענען איינער אדער מעהרערע בוכשטאבען דורכגעלאזען און פערשלונגען געווארען; ווי: ס׳קומט, ס׳איז, איך זעה׳ס, אינ׳ם, אינ׳ס (אנשטאט: עס קומט, עס איז, איך זעה עס, אין דעם, אין דאס). ער ווערט אויך בענוצט אלס צייכען אויף אבצוזונדערן דעם העבראישען שורש, וואס קומט אריין אין א אידישען ווארט; צום ביישפיעל: חסיד׳יש, ממשות׳דיג, בעל־הבתי׳ש, רבני׳ש.

## III. וועגען סטיל.

סטיל הייסט די ארט און וויזע, ווי אזוי מיר דריקען אויס אונזערע געדאנקען דורך ווערטער. און אזוי ווי אויסדריקען קאן מען זיך איבער גאנץ פערשיעדענע זאכען און אונטער גאנץ פערשיעדענע אומשטענדען, האט מען איינגעטיילט דעם סטיל אויף 3 קאטעגאריעס: א הויכען, א מיטלען און א נידריגען. דער ערשטער, דער הויכער סטיל, ווערט אויסגעאיבט הויפטזעכליך אין פאעטישע ווערק,

פייערליכע רעדעס און ביי נאך אזעלכע זאכען, וועלכע געהערען נישט צו אונזער בוך; מיט דעם מיטעלען סטיל בענוצט מען זיך ביים שרייבען היסטאריע, לעהרביכער, אונטערהאלטונגס-ביכער, און בעזונדער אויך אינ'ם שריפטליכען פערקעהר און אינ'ם געשעפטס-לעבען. דער נידעריגער סטיל איז די פערטרויליכע און פשוט'ע אומגאנגס-שפראך פון דעם אלטעגליכען לעבען.

יעדער איינצעלנער מענש האט א געוויסע אייגענטימליכע ארט צו דענקען און דאס געדענקטע אויסצודריקען, ד. ה. אלזא אויך — א סטיל. וואס געבילדעטער ס'איז אונזער פערשטאנד און אונזער געשמאק, אלץ ריינער, קלארער און בעשטימטער איז אונזער סטיל און אלץ לעבעדיגער שפיגעלט זיך זיין איהם אפ אונזער אינערליכע אייגענטימליכקייט.

ווי פערשידענארטיג אבער מ'זאל נישט קענען אויפפאסען און איבערגעבען איין און דעם זעלביגען געגענשטאנד, זענען אבער דאך פערהאנען געוויסע איינגעשאפטען און כללים, וואס מוזען אבגעהיט ווערען אין יעדער שריפטליכער ארבייט, ווען מען וויל דאס זאל זיין גוט סטוליזירט.

די דאזיגע כללים און איינגעשאפטען זענען הויפטזעכליך פאלגענדע:

## 1) שפראך-ריכטיגקייט (ארטאגראפיע) און ריינקייט.

א בריעף, ווי יעדער אנדערער שריפטליכער אויצזאץ, מוז קודם כל גראמאטיש געשריבען ווערען — דאס איז א כלל נישט בלויז פאר אלע אנדערע שפראכען, נאר אויך פאר אידיש. עס איז, געוועהנליך, נישט דא דער פלאץ צו בעקאנען דעם לעזער מיט דער גאנצער אידישער גראמאטיק און מיט אלע איהרע געזעצען און רעגעלן — דערצו קענען מיר איהם בלויז רעקאמענדירען די שוין פערהאנדענע אידישע לעהרביכער און חרעסטאמאטיעס, וואס פאדערן נישט קיין סך צייט און אנשטרענגונג, אום זיי דורכצוגעהן. אויף דעם ארט ווילען מיר נאר בעקאנען אונזערע לעזער מיט די הויפט-כללים, וואס ווערען בעזונדער אפט שטארק פערנאכלעסיגט אין דעם אידישען בריעף.

## אלגעמיינע רעגעלן.

א) אידישע בריעף מוזען, ערשטענס, אויף אידיש געשריבען ווערען, ד. ה. מיט אידישע ווערטער און מיט א אידישער ארטאגראפיע — פון די סלאווישע און גערמאנישע ווערטער קענען נאר יענע אריינגענומען ווערען, וועלכע האבען זיך שוין איינגעזויגען אינ'ם בלוט און פלייש פון דער אידישער שפראך און איהר כאראקטער בע-

קומען. אַזעלכע ווערטער ווי: נאַזנאַטשעט, געקאָנטשעט, ווערדע, בע־קאָממען, פאָלוטשעט, א. א. וו. מוזען אונבעדינגט פערביטען ווערען מיט אײַנפאַכע אידישע ווערטער: בעשטימט, געענדיגט, ווערט, בעקומען, דערהאַלטען א. א. וו.

ב) די בוכשטאַבען, וואָס פיהלען זיך נישט אין רעדען, דאַרפען שריפטליך אויך נישט אַרײַנגענומען ווערען, און אין דער הינזיכט דאַרף מען זיך יאָ האַלטען בײַ דעם כלל: „שרײַב, ווי דו רעדסט“, מ׳דאַרף דעריבער שטענדיג שרײַבען: דו, די, זי, פרײַ א. א. וו: אָנ־שטאָט: דוא, דיא, זיא, פרײַא א. וו.

ג) דאָפּעלטע בוכשטאַבען ווערען בכלל גאַנץ זעלטען בענוצט אין דער אידישער אָרטאָגראַפיע; מ׳שרײַבט: קומען, האַסען, קאָפּ, גרופּע; און נישט: קאָממען, האַססען, קאָפּפּ, גרופּפּע.

ד) פרעמדע, אַלגעמײַנע ווערטער קענען גאַנץ פרײַ אַרײַנגענומען ווערען אין דער אידישער בריעף־ און אומגאַנגס־שפּראַך; זײ מוזען אָבער געשריבען ווערען רעכט און לויט דעם כאַראַקטער פון דער אידישער אָרטאָגראַפיע. נישט פּאָפּולאַרנע (אָדער פּאָפּולאַריש), נאָר פּאָפּו־לער, נישט עסטעטיטשעסקע (אָדער עסטעטיטשנע), נאָר עסטעטיש; נישט מיפאָלאָגיע, נאָר מיטאָלאָגיע א. א. וו.

ה) פּראָווינציאַליזמען (ווערטער, וואָס ווערן געברויכט נאָר אין געוויסע געגענדען) מוזען שטרענג אויסגעמיטען ווערען; דאָ דאַרף מען זיך האַלטען בײַ די ווערטער און אויסדריקען, וואָס פּראַקטיצירען זיך אין דער אידישער ליטעראַטור אָדער אין דער אידישער פּרעסע. מ׳שרײַבט: איך, וואָס, ווײַס, שען, און נישט: יאַך, וואוס, וואַיס, שאַין.

ו) ווערטער דאַרפען אויסזעהן גאַנץ און עלעגאַנט, נישט צוגאָסען, מ׳שרײַבט: אָנגענעם און נישט אַנגענעהמענעם.

## גראַמאַטישע רעגעלן *).

די יודישע שפּראַך האָט פאָלגענדע 22 בוכשטאַבען: אַ (אָ), בּ (ב), ג, ד, ה, ו (וו), ז, ח, ט, י, כ (כּ), ל, מ, נ, ס, ע, פּ (פֿ), צ, ק, ר, ש (שׂ), ת (תּ).

די בוכשטאַבען כ, מ, נ, פ און צ פערענדערן אין סוף וואָרט זײער געשטאַלט: כ־ך, מ־ם, נ־ן, פ־ף, צ־ץ, צ. ב. רײך, שָׁלום, זיצען אויף, נעץ.

---

*) די דאָזיגע רעגעלן זענען גענומען פון ה׳ ז. רײזען׳ס „אידישער גראַמאַטיק“.

אָנמערקונג. פֿאַר אַנ׳אַפּאָסטראָף בלײַבען די דאָזיגע בוכשטאַבען אונפֿערענדערט. צ. ב. כ׳ווים (ניט ד׳וויַם), חלומ׳ען (ניט חלום׳ען), דעם חתנ׳ס (ניט דעם חתן׳ס), יוספֿ׳ן (ניט יוסף׳ן), דעם פּריצ׳ס (ניט דעם פּריץ׳ס). פֿאַר אַ פֿערבינדונגס־שטריך אָבער פֿער־ענדערן זיי זיך יאָ, צ. ב. דער שטורם־ווינד.

דער בוכשטאַב **א** דריקט אויס צוויי קלאַנגען: **אַ** (a) און **אָ** (o). כּדי צו אונטערשיידען זיי איינעם פֿונ׳ם אַנדערן, ווערט דער **א** אונטער־שטריכט אָדער מיט אַ פּתח (ַ) אָדער מיט אַ קמץ (ָ), צ. ב. דער זאַק, די זאָק.

דער קלאַנג **אָי** ווערט בעצייכענט דורך וי. צ. ב. פֿויער. הויז, גרוי, לויפֿען א. אַז. וו.

די קלאַנגען **עי** און **אַי** ווערען בעצייכענט דורך יי. צ. ב. פֿרייד, פֿריינד, שניי, שניידען. צוליעב מעהר דייטליכקייט קענען זיי בע־צייכענט ווערען דורך אַ צירה (ֵ) אָדער דורך אַ פּתח. צ. ב. נײן, נײַן.

אָנמערקונג אין אייניגע פֿרעמד־ווערטער און פֿרעמד־נעמען שרייבט מען **אָי** אַנשטאָט וי און **אַי** אַנשטאָט יי, צ. ב. באָיקאָט, טאָלסטאָי, מאַי, ניקאָלאַי.

דער בוכשטאַב **ב** דריקט אויס 2 קלאַנגען; דעם קלאַנג **בּ** און דעם קלאַנג **ב**.

די קאָנסאָנאַנטען וו, ב און ו דריקען אויס איין און דעם זעלבען קלאַנג און אונטערשיידען זיך נאָר אין דער אָרטאָגראַפֿיע: וו שרייבט זיך אין אַלע ניט־העברעאישע ווערטער, צ. ב. וויינען;— נאָר אין העברע־אישע, צ. ב. אַוודאי, ודוי, דווקא. ב שרייבט זיך אין העברעאישע ווער־טער, ווי, צ. ב. טובה, תבואה, יום־טוב. און אין ניט־העברעאישע אַנשטאָט וו נאָך אַ ו, כּדי אויסצומיידען 3 ו׳ען איינעם נאָכ׳ן אַנדערן; צב״ש: פּרובען, יובעליר. סובאַלק.

זעהר אָפֿט ווערט דער ד אויסגעזאָגט אַזוי ווי אַ ט אַפֿילו דאַן, ווען נאָך איהם שטעהט אַ וואָקאַל. צ. ב. געזונד (געזונט), געזונדע (גע־זונטע). אין אייניגע אַזוינע ווערטער ווערט צוליעב מעהר דייטליכקייט געשריבען נאָכ׳ן ד אַ ט, צ. ב. הינדטישע, אַ ווינדטעלע, אַ הענדטיל א. אַז. וו.

אין אייניגע ווערטער שטעלט מען נאָך די וואָקאַלען אַ שטומען ה, כּדי צו בעצייכענען, אַז די דאָזיגע וואָקאַלען ווערען עטוואָס לענגער אויסגעזאָגט:

# איינלייטונג.

הייהל (пещера), וואהל, וועהלען, פֿעהלען, בעפֿעהלען, צאָהל, קױהל, קיהל, שוהל.

נאָכאַהמען (ד. ה. נאָכמאַכען), איהם, לאָהם (ווי, צ. ב. קרום און לאָהם), לייהם, מוהמע, נעהמען, אױסנאַהם, אַנגעעהם, ראַהם, ריהמען.

אָהן, אַהנונג, עהנליך, באַהן, ביהן, ביהנע (ד. ה. סצענע), האָהן, הוהן, אָנלעהנען (אָנשפּאַרען זיך), מאָהנען, צעהן.

איהר, בענעהרען, (אױפ'ן) וואָהר, געוואָהר (ווערען), וועהרען זיך, נעװועהר א. א. וו.

ווען ו קומט אױס צו שרײַבען פֿאַר א ו, דאַן טײלען זיך די דאָזיגע בוכשטאַבען פֿונאַנדער דורך אַ שטומען א, צ. ב. וואו, געוואוסט, וואולקאַן א. אז. וו. די פֿאָרזילבע צו אָהן אַנ'אַקצענט געהט איבער פֿאַר וו אין צע, צ. ב. צעוואַרפֿען. די פֿאָרזילבע צו מיט אַנ'אַקצענט טײלט זיך אָב פֿון וו מיט אַ שטריכעלע, צ. ב. צו-וואָרפֿען, צו-ווינקען.

די קאָנסאָנאַנטען ק און כ (ך) דריקען אױך אױס איין און דעמ-זעלביגען קלאַנג און אונטערשײדען זיך נאָר אין דער אָרטאָגראַפֿיע: אַח שרײַבט זיך שטענדיג אין אָנהויב וואָרט. ניט קוקענדיג אױף דעם, צי עס איז אַ העברעאישעס אָדער אַ ניט-העברעאישעס, צ. ב. חאַפּען (אונ-טערחאַפּען), חאָטש, חראָניק, חינא, האַראַקטער, חבר, חלב, חשבון א. אז. וו. אין מיטען וואָרט שרײַבט זיך אַח אין העברעאישע און אין אײניגע פֿרעמדווערטער און פֿרעמדנעמען, צ. ב. יחסן, בחור, פּסיחאָלאָגיע, מאַחמעד, אין סוף וואָרט שרײַבט זיך אַח נאָר אין העברעאישע ווערטער. צ. ב. כח, לוח א. אז. וו. אָבער קײנמאָל אין נישט-העברעאישע. אַכ שרײַבט זיך אין מיטען אָדער אין סוף (ך) וואָרט, אָבער קײנמאָל ניט אין אָנהויב.

אָנמערקונג. ווען דאָס פֿירוואָרט איך ווערט פֿערקירצט אין כ, שרײַבט עס זיך דורך אַכ אפֿילו אין אָנהויב וואָרט, צ. ב. כ'לעבען כ'וויים, כ'וויל א. אז. וו.

פֿאַר די וואָקאַלען ו, וי, יי, ווען זײ שטעהען אין אָנהויב זילבע, שרײַבט זיך אַנ'א, צ. ב. און, אױך, איך, אײך; פֿעראומערן, פֿער-אינטערעסירען, דורכאױס, פֿעראײניגען א. אז. וו.

אין אײניגע ווערטער אָבער האָט זיך דער דאָזיגער א פֿערלאָרען. ווי, צ. ב., אין די ווערטער דעריבער, פֿאָריבער.

אין די פֿאָלגענדע ווערטער, ווי אױך אין די, וואָס שטאַמען אָב פֿון זײ, ווערט דער קלאַנג יי בעצײכענט דורך אַנ'ע אָדער דורך עה:

בענקען, דענקען, הענגען, הענקער, וועניג, לענען, לענג, קרענקען, שען (אונטערשיידען פון שוין, ד. ה. באלד), שענקען, (בע)=שרענקען, געהן, דרעהען, וועה (וועהטאג), וועהלען (ד. ה. קלייבען, אונ=טערשיידען פון וואויל=גוט), (גע)וועהנען (געוועהנליך) (אדער וואינען=жить) און וויינען (плакать), וועהען, זעהר (אונטערשיידען פון זייער=ихъ) פעהיג, פרעהען (פרעהליך), צעהלען (ערצעהלונג), קרעהען, שטעהן, (פערשטעהן) אונטערשיידען פון שטיין=камень.

נאך אט שרייבט מען ניט קיין ה, צ. ב. טיי (ניט טהיי), טייער, (ניט טהייער), טייל (ניט טהייל) טעאטער (ניט טהעאטער) א. אז. וו.

א שטומער ע שרייבט זיך נאך אי אין די פאלגענדע ווערטער ווי אויך אין די, וואס שטאמען אב פון זיי: גליער (מיטגליעד) דיענען (אונ=טערשיידען פון דין=тонко), וויעג, זיעבען, זיעג, טיעף, טיער (ד. ה. א חיה, אונטערשיידען פון טיר=дверь). ליעבע, ליעד, ליעגען (אונטער=שיידען פון ליגען=ложь), פיעל (ד. ה. א סך, אונטערשיידען פון פיהלען=чувствовать און פון (אנ)פילען=наполнять), (וויפיעל), פיער (ד. ה. 4, אונטערשיידען פון פיהרען=везти), ציעל, קריעגען (ד. ה. достать, אונטערשיידען פון קריגען=ссорить).

אין אלע אנדערע ווערטער, ווי, צ. ב., ווידער, פער=שידען, רעגירען, געבליבען, נידעריג א. אז. וו. שרייבט מען ניט נאך'ן י קיין שטומען ע.

מען דארף שטרענג אונטערשיידען א ש פון א ס, צ. ב. שיקען (ניט סיקען), קושען (ניט קוסען), שטרייק (ניט סטרייק), ערשטער (ניט ערסטער) א. אז. וו. דער רוסישער קלאנג ж ווערט בעצייכענט דורך זש, צ. ב. זשארגאן, זשומען; דער קלאנג ч — דורך טש, צ. ב. די בייטש, דער טשערקעס א. אז. וו. דער קלאנג צ שרייבט זיך קיינמאל ניט דורך טצ (ווי אין דייטש), צ. ב. זיצען (ניט זיטצען), פלאץ (ניט פלאטץ) א. אז. וו.

צו דעם אלעמען דארפען מיר נאך צוגעבען, אז די שריפט=שפראך בכלל מוז האבען אין זיך א געוויסע איידעלקייט, זי טאר נישט קא=פירען די שפראך פון דעם געוועהנליכען, מגושם'דיגען לעבען. און אלע אונאנשטענדיגע, געמיינע אדער סתם גראבע ווערטער טארען אין איהר קיין פלאץ נישט האבען.

### 2) דייטליכקייט און בעשטימטקייט.

אום א געוויסען געדאנק קלאר און דייטליך איבערצוגעבען, מוז

מען איהם פריהער אליין גוט דורכטראכטען. ווער עס האט אליין נישט קיין קלארען בעגריף פון דעם, וואס ער וויל אויסדריקען, וועט דעם אנדערן אזא בעגריף קיינמאל נישט קענען געבען. עס איז אויך צו ראַטען יעדערען, ער זאל זיין בריעף, איידער ער גיעהט איהם אוועקשיקען, נאכאמאל גוט איבערלייענען און זעהען, צי עס איז נישט פערהאן אין איהם אזא אויסדריק אדער אזא ווענדונג, וואס קען שלעכט פערשטאנען ווערען.

## 3) ארדנונג און צוזאמענהאנג.

עס ליעגט אין דער נאטור פון אונזער פארשטעלונגס-קראפט, זיך צונויפצופאסען נאר אזעלכע געדאנקען, וועלכע האבען צווישען זיך א געוויסען צוזאמענהאנג. מ׳דארף דעריבער דעם מאטעריאל, וועגען וועלכען מ׳וויל שרייבען, זיך פריהער אזוי איינארדנען אין געדאנקען אדער אויפ׳ן פאפיער, אז איינס זאל זיך נאטירליך ארויסדריגגען פון דאס אנדערע און זיך צוזאמענפאסען מיט איהם, און אז די פערשיעדענע איינצעלהייטען זאלען זיך פעראייניגען און פארשטעלען מיט זיך איין פלאנמעסיג-געבויטע, גאנצע זאך.

דער דאזיגער צוזאמענהאנג מוז אבער אבגעהיט ווערן נישט בלויז אין דער בעציהונג צו די געדאנקען פונ׳ם בריעף, נאר אויך אין דער בעציהונג צו דער שפראך, צו דער פארם. די איינצעלנע געדאנקען מוזען אין גרעסערע און קלענערע זאצען פערבונדען ווערען, און נישט שטעהן פונאנדערגעריסען, אהן א שום בעציהונג צווישען זיך. אזעלכע אבגעריסענע זאצען קלינגען זעהר נישט שען און מאכען נישט קיין אנגענעהמען איינדריק.

## 4) נאטירליכקייט.

יעדע געשריבענע זאך מוז אין זיך א געוויסע נאטירליכקייט האבען. דער לעזער טאר קיינמאל נישט פיהלען אין דעם קיין אנגעשטרענגטקייט און קיין געקינסטעלטקייט; די אויסדריקען און ווענדונגען מוזען געקליבען, אבער נישט געזוכט זיין; יעדער לעזער דארף זיך נישט מאטערן, אום צו פערשטעהן, וואס מ׳שרייבט איהם. וואס ס׳איז נישט נאטירליך, איז אויך שווער, אומגעלומפערט, געפוצט, צו-זיס און אפט אויך — לעכערליך. אין דעם שריפטליכען פערקעהר דארף מען זיך בעוועגען מיט א געוויסער אנשטענדיגער פרייהייט, וואס פערטראגט נישט קיין געצוואונגענע פערגלייכונגען און קיין איבריגע בעפוצונגען.

# אנפאנגס־בריעף.

ליעבע מוטער!

איך בעפריעדיג דיין פערלאנג און שרייב דיר א בריעף גלייך נאך מיין אנקומען אין ב.; איך האב דא, א דאנק גאט, אלעמען געפונען און דער בעס־טער ארדנונג, און ווי רחל האט מיך דערפרעהט מיט מיר — קענסטו דיר אליין פארשטעלען. די קליינינקע אסתר'ל

איז באַלד חבֿר געוואָרען מיט מיר און
איך האָב געמוזט בּוקא שלאָפֿען מיט
איהר צוזאַמען. אויף מאָרגען, ווי איך
בין אויפֿגעשטאַנען און געפּריהשטיקט,
איז רחל מיט מיר געגאַנגען אין גאַס,
איינצוקויפֿען פֿערשיעדענע קלייניגקיי-
טען. מאָנטאַג וועל איך האָבען דעם
ערשטען עקזאַמען און רחל זאָגט, אַז
איך וועל אפֿשר קענען גלייך אַנקומען
אין 3-טען קלאַס.

שרייב מיר, טייערע מוטער, ווי אַזוי
האָסטו פֿערבראַכט די נאַכט נאָך מיין
אָבּפֿאָהרען און וואָס די מאַכסט אין
געזונד. וועגען מיר זאָלסטו גאָרנישט

קלערען — מיר פעהלט דאָ קיין זאַק
ניִשט, אויסער דו, טייערע מוטערו !

דיין איבערגעגעבענע טאָכטער..

ליעבע, גוטע מוטער!

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען
קומט מיר היינט אויס צו פייערען דיין
געבורטסטאָג, ניִשט זייענדיג מיט דיר
צוזאַמען; פערגעסען האָב איך אָבער
אין דעם טאָג נ י ש ט, און צוזאַמען מיט
דיינע אַלע איבעריגע קינדער בעט איך
אויך דעם באַרימהערציגען גאָט, ער
זאָל אונז דעם טייערען, אונשעצבאַרען
אוצר איבערלאָזען נאָך אויף לאַנגע,

לאנגע יאהרען.

מיט דער בְּרָכָה מיינער, נעהם צו אויך די קליינע מַתָּנָה, וואס איך האב אליין אויסגעארבייט פאר דיר. די שָׂעָר'ען, וועלכע מיינע פינגער האבען דאס געארבייט, געוען פאר מיר גליקליכע געוועזען — איך האב געוואוסט, פאר וועמען איך ארבייט און ווער עס וועט פון דעם געניעסען!

איך בענש און קוש דיך און דעם טייערען פאטער און אלע קינדער מיט דער הערצליכסטער ליעבע.

דיין טאָכטער, וואס איז צוגעבונדען צו דיר

מיט גאנצען הארצען...

## ליעבער, טייערער זיידע!

מיט דער גרעסטער פרייד נעהם
איך איצט די פעדער אין האנד, דיר
אויסצודריקען מיין הערצליכע בְּרָכָה
צום נייעם יאהר. איך געדענק גוט
די אלע גוטסקייטען, וואס דו האסט
מיר שטענדיג ארויסגעוויזען, און ווי
לעבעדיג שטעהען מיר נאך איצט
אויך פאר די אויגען די העלדען פון
דיינע הארציגע, ליעבע מַעֲשִׂיוֹת, מיט
וועלכע דו פלעגסט אונז, אייניקלעך,
דערקוויקען אין די קאלטע, לאנגע
ווינטערנעכט. און דיינע קלוגע, גוטע
עֵצוֹת! דו האסט, ליעבער זיידע, אַ סך

געזעהען, צו סך געלעהרנט און צו סך
איבערגעטראגען אין דיין לעבען, און
פאר די פרוכט פון די דאזיגע ער-
פאהרונגען, וואס דו גיסט מיר אלע
מאל איבער אין דיינע ליעבע, קלוגע
בריעף — בין איך דיר דאנקבאר פון
טיעפען הארצען.

צו דעם נייעם יאהר ווינש איך דיר,
טייערער זיידע, דו זאלסט נישט ליידען
פון קיין שום קראנקהייט און פון קיין
שום אנדער צָרָה, און זאלסט זוֹכֶה
זיין צו א גליקליכער, רוהיגער על-
טער אין דעם קרייז פון דיינע איבער-
געגעבענע קינדער און קינדס-קינדער.

דיין טיעף=דאנקבארער . . .

## טייערע עלטערן!

אייער ליבען בריעף פון דעם
פערגאנגענעם מיטוואך האב איך
פינקטליך ערהאלטען און מיט שמחה
געלייענט. ער האט מיר אנדאפעלען
פערגניגען פערשאפט, דען ערשטענס
האב איך מיך פון איהם דערוואוסט,
אז איהר זענט, א דאנק גאט, גע-
זונד; און צווייטענס האט ער מיר
געבראכט די האפנונג, זיך מיט אייך
צו זעהען און גיכען. איך מוז אייך
זאגען דעם אמת, אז איך האב מיך
אין דער לעצטער צייט שרעקליך
פערבענקט נאך דער היים און בע-

געזונדער — נאָך אייך; און אַזוי ווי מיר
איז היינט אוממעגליך אוועקצופאָהרען
פון דאָנען, בעט איך אייך טאָקי געהער
שטאַרק, איהר זאָלט מיר פערשאַפען
דעם פערגניגען און קומען אַהער
חאָטש אויף איין טאָג. איך ערוואַרט
שוין דעם טאָג מיט דער גרעסטער
אונגעדולד און דאַנק אייך פאָראויס,
טייערע, פאַר אייער צערטליכער ליעבע
צו מיר. פון מיין זייט בין איך אויך
גרייט אַלעס צו טאָן, אום אייערע
פערלאַנגען צו בעפריעדיגען, און
צום צייכען פון מיין פלייסיגען לעהרנען
און אנשטענדיגער אויפפיהרונג קען

איך ביענען דעה אטעסטאט פון מיין
לעהרער, וועלכען איך לעג דאָ ביי
צוזאמען מיט'ן בריעף.

אייער הייס־ליעבענדער זוהן ..

ליעבע טייערע שוועסטער!

ענטשולדיג פאר די שמערצען, וואס
איך האב דיר פערשאפט מיט מיין
נישט שרייבען אזוי לאנג — איך האב
פשוט נישט געהאט, וואס צו שרייבען.
גוטס האב איך פאר דער לעצטער
צייט גאנץ וועניג איבערגעלעבט, און
שילדערן דיר מיינע ליידען האב איך
נישט געוואלט: איך האב געוואוסט,

אַז דו האָסט דײנע אײגענע אױך נישט
װעניג. יאָ, טײערע, עס װאָלט שױן
לאַנג צײט זײן, די זון זאָל אין
אונזער פֿענסטער אױך אַ שײן טאָן;
צו־פֿינסטער איז שױן דער הימעל
איבער אונזערע קעפּ... בערעכען
נאָר: זינט אונזער ליבע מוטער האָט
אונז איבערגעלאָזען אַזױ עלענד אױף
גאָטס װעלט, אָהן אַ שום פֿרײנד, אָהן
אַ שום געלד, האָבען מיר דאָך נאָך
קײן אײן ליכטיגען טאָג פֿאַר זיך
נישט געהאַט! און דערצו נאָך האָט
אונז דער גורל פֿונאַנדערגעװאָרפֿען
אַזױ װײט אײנע פֿון דער אַנדערער.

אַז אַפילו אויסגיעסן אַמאָל דאָס
האַרץ איז אויך נישטאָ פאַר וועמען,
און מ׳ווערט דערשטיקט אונטער דער
משא פון די שווערע שטיינער, וואָס
הערן נישט אויף צו פּרעסן און צו
דריקן. גלויב מיר, האַרציגע אֶסְתֵּר,
אַז אָפטמאָל וואָלט איך בּערייט זיין אַ
טייל פון מיין לעבּן אוועקצוגעבּן
בּלויז נאָר דערפאַר, צו האָבּן נעבּן
זיך עפּעס אַ נאָהנטען, ליעבּן מענשן,
פאַר וועמען אַראָבּצורעדן די בּיטערע
צרות פון האַרצן!
און דו, שוועסטער! האָסטו נאָך
נישט פאַרלאָרן די האָפנונג אויף

בעסערע צייטען? גליקליך איז דער,
וואס האפט און גלויבט; גענוג האפט
איז אבער דאס לעבען פיעל אכזריות'-
דיגער, ווי מ'שטעלט זיך פאר. און
לאנגט אפילו פון דעם גליק אויך
נישט געניעסען...

איך ווארט מיט אונגעדולד אויף
דיינעם א בריעף און פערבלייב

דיין צערטליכע שוועסטער ...

טייערער ב. ז.!

איך ווייס נישט, וואס דאס זאל בע-
דייטען: צו אונזער פריינד ד. האב
איך שוין דריי בריעף אוועקגעשיקט.

און קיין ענטפער נישט בעקומען. און
דעם פערלויף פון דער גאַנצער
צייט, זינט מיר זענען צושיידט, איז
נאָך אַזוינס נישט פאָרגעקומען. און
איך גלויב דעריבער, אַז מיט איהם
איז עפּעס געשעהען. אֶפְשָׁר האָסטו
עפּעס אַ יְדִיעָה פון איהם? אויב יאָ —
שרייב מיר גלייך און בערוהיג דעם
איבערגעשראָקענעם...

געשעצטער פעטער!

קומענדיג בְּשָׁלוֹם צוריק אַהיים
געפין איך פאַר מיין פליכט, אויסצו-
דריקען אייך און דער ליעבער מוהמען

מיין הערצליכסטען און טייערסטען
דאַנק פֿאַר דעם פֿערגניגען, וואָס
איהר האָט מיר פֿערשאַפֿט אין דער
צייט, וואָס איך האָב פֿערבראַכט ביי
אייך. די דאָזיגע צייט וועט ביי מיר
אייביג בלייבען אין זכרון, און טראַכ־
טענדיג וועגען די אַנגענעהמע טעג,
וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין ט.
וועל איך שטענדיג מיט אַ טייערער
דאַנקבאַרקייט דערמאָהנען אויך אייך,
ליעבער פֿעטער, און אייער גאַנץ
הויזגעזינד.

אייער איבערגעגעבענער שוועסטערזוהן . . .

## טייערסטע שוועסטער.

אַ הערצליכען דאַנק דיר פֿאַר די ביכער, וואָס דו האָסט מיר געשיקט. איך וועל שוין איצט האָבען אַזוי אַ לאַנגע צייט צום לייענען, און דאָס איז דאָך, ווי דו ווייסט, איינס פֿון די גרעסטע פֿערגניגענס אין מיין לעבען. איך קען דיר איצט איבערגעבען נאָך אַן אַנגענעהמע נייעס. דו ווייסט דאָך, אַז איך קלויב מיך שוין פֿון לאַנג, אָנצוהויבען לעהרנען די פֿראַנצויזישע שפּראַך, און האָב אַלץ נישט געקענט קריגען קיין לעהרער; וואָס זאָל גוט בעזיצען די שפּראַך; ערשט יענע

וואך איז אבער געקומען צו אונז
אין שטעטל א יונגער מענש, וואס
האט א לאנגע צייט פערבראכט אין
פראנקרייך און קען די שפראך
גרינדליך. איך בין גלייך אוועק צו
איהם, און ער האט מיר צוגעזאגט,
צו געבען מיר א לעקציע עטליכע מאל
אין דער וואך, אזוי לאנג, ווי ער
וועט נאר דא זיין. איך האב שוין
אנגעהויבען לערנען ביי איהם, און
עס געהט גאנץ גוט; איך האף, אז
ביז ער וועט דארפען אוועקפאהרען,
וועל איך שוין בעקאנט זיין מיט דער
שפראך אויף אזוי פיעל, אז איך וועל

שוין קענען לעזען אליין.

ווייטער איז קיין בעזונדערעס ביי
אונז נישט פארגעקומען, און טאמער
איז יא געווען וועגען עפעס צו שריי-
בען, — האט עס געוויס די מוטער שוין
געטאן אהן מיר.

אביעה!

דיין דאנקבארע שוועסטער ...

ליעבער ברודער!

זיי נישט בעז אויף מיר פאר מיין
נישט שרייבען אזוי לאנג; גלויב מיר,
אז קיין סך איבריגע צייט בלייבט מיר
נישט פאר זיך. דו ווייסט דאך, אז

פון 9 אין דער פריה ביז 9 אין אבענד
בין איך פערנומען אין געשעפט, און
ווען איך קום פון געשעפט אהיים,
בין איך אזוי מיעד און פערשלאגען,
אז מיר איז שווער מיט א גליעד א
ריהר צו טאן, און ווער רעדט נאך
וועגען זעצען זיך א בריעף אנשרייבען.
אויף ווי ווייט מיר בלייבט נישט קיין
פרייע צייט, קענסטו זעהן אויך דער-
פון, וואס איך האב נאך ביז אהער
נישט אנגעהויבען זיך צו לערנען
קיין זאך, נישט קוקענדיג אויף דעם,
וואס ביי מיר איז פעסט באשלאסען
געוועזען, זיך צו נעהמען א לעהרער

גלייך נאָכדעם, ווי איך וועל נאָר בע-
קומען אַ פּלאַץ. נו, און וואָס איז מיט
דיר: אַרבייטסטו? פערדיענסטו געלד?
און ווי פּיהלסטו זיך בכלל אין דעם
נייעם אָרט? שרייב מיר גלייך.

דיין ברודער ...

טײַערסטע רחל!

איך ערפיל מיין צוזאָג און שרייב
דיר אַ בריעף „וועגען אַלעס“, וואָס עס
קומט דאָ פאָר ביי מיר. דאָס שטעד-
טיל, אין וועלכען איך געפין מיך איצט,
איז גאַנץ קליין און האָט זעהר וועניג
מענשען; פון דעסטוועגען איז דאָ נישט

אזוי אומעטיג אין פענסטער, ווי מיר
האבען זיך פארגעשטעלט. די מנהגים
און זיטען פון דעם קליינשטעדטילדיגען
לעבען זענען אזוי וויט אנדערש פון
אונזער לעבען אין דער גרויסער
שטאדט, אז די פערליערסט דיך
פשוט די ערשטע צייט, און יעדע זאך
מאכט אויף דיר א אונגעוועהנליכען
איינדריק. בעזונדער ווירקט דאס אויף
מיר זעהר גוט די וואַרעמע פריינד-
שאפט צווישען די איינוואוינער. ביי
אונז, אין דער גרויסער שטאדט, איז
יעדע שטוב א בעזונדער וועלט פאר
זיך, און עס טרעפט גאנץ אפט, אז

די שכנים פון איין הויז קענען נישט
און ווילען גארנישט קענען איינער דעם
אנדערן; דא אבער, איז דאס גאנצע
שטעדטיל ווי איין גרויס הויז, און אלע
איינוואוינער פיהלען זיך, ווי מיטגלידער
פון איין גרויסער מִשְׁפָּחָה. אלע קענען
זיך און לעבען גוט צווישען זיך.

איך וויס נישט, צו איך וואלט דא
געקענט בלייבען לעבען א לענגערע
צייט; איך בין אבער איבערצייגט און
דעם, אז די צוויי מאנאטען, וואס איך
האב דא צו פערברענגען, וועלען פאר
מיר גאנץ אינטערעסאנט זיין, און איך
וואלט ראטען אלע גרויסשטעדטישע

אַרויסצופֿאָהרען פֿון צייט צו צייט
אין אַ קליין שטעדטיל, אום זיך צו
באַקאַנען מיט דעם פֿריעדליכען, שטילען
לעבען פֿון ערליכע, פֿריעדליכע מענשען.
אין עטליכע טאָג אַרום וועל איך
דיר אַ צווייטעס מאָל שרייבען און
אויספֿיהרליך שילדערן מיין לעבען דאָ,
אין דעם שטילען גַן־עֵדֶן.
בלייב מיר דערווייל הערצליך גע־
גריסט און געקושט.

דיין...

**טייערער פֿריינד!**

איך האָב ערהאַלטען דיין בריעף,
אין וועלכען דו בעטסט מיר, איך זאָל

דיר אַלץ גענוי אויסשרייבען, און איך
מוז דיר דעם אמת זאָגען, אַז ביי
מיין בעסטען ווילען בין איך נישט אימ־
שטאַנד דאָס צו טאָן. אַזאַ אויספיהר־
ליכער און גענויער בריעף, דאַרף
ביי מיר צונעהמען אַ סך צייט, און מיינע
פרייע מינוטען זענען פשוט—געצעהלטע.
אָבזאָגען דיר אָבער אינגאַנצען וויל איך
נישט, און ווי ווייט נאָר מעגליך וועט זיין,
וועל איך זיך בעמיהען דיר איבערצוגע־
בען דעם איינדריק, וואָס די גרויסע
שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט. דאָס
פערזיכער איך דיר מיט מיין עהרענוואָרט
און ביי דער ערשטער, פרייער מינוט, וואָס

וועט זיך מיר נאָר מאַכען, וועל איך דאָס מיט פערגעניגען טהון. דערווייל אָבער, מוזט מיר, טייערער, ענטשולדיגען: איין גאָט אין הימעל איז מיין עֵדוּת, אַז איך וואָלטע מיטן גאַנצען האַרצען וועלען דיין פערלאַנג ערפילען, און אַז דיין פריינד־שאַפט איז ביי מיר טייערער פון אַלעס אין דער וועלט.

דיין אייביג איבערגעגעבענער...

טייערסטער דוד!

ענדליך האָב איך היינט עטליכע פרייע שָעָה און איך אייל מיך אויסצונוצען די געלעגענהייט און אָנצושרייבען דעם

בריעף, וועלכען איך בין דיר שוין אַזוי
לאַנג שולדיג.

הער אַלגאַ:

דער ערשטער איינדריק, וואָס די
שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט מיט
איהר גרויסקייט און שענקייט, איז געווען
אַן אונגעוועהנליכער. שטעל דיך פֿאָר:
איך האָב דאָך מיין גאַנצען לעבען פֿער-
בראַכט אין אַ קליין, אָרעם און שמוציג
שטעדטיל - און דאָ דערזעה איך פֿאָר מיך
מיט אַמאָל אַ כּרך, אַ רוישענדע, ריזיגע
שטאָדט מיט טורמעס, פּאַלאַצען און פֿאַר-
קען: איך בין איינפֿאַך צוטומעלט גע-
וואָרען פֿון דעם אַנבליק און האָב אַ צייט

לאנג זיך נישט געקענט אריענטירן אין
דעם פּלאן פון די גאסען, וועגן א. א. וו.
און איך זאג דיר דעם אמת, אז נאך
איצט אויך, נאכדעם ווי איך האב מיך
שוין צוגעוואוינט צו דעם גערויש פון
שטאָט און ווייס שוין אביסעל וואו איין און
וואו אויס, — הער איך נאך אלץ נישט אויף
יתפּעל צו ווערן פון יעדע זאך און צו
באוואונדערן איהרע שענקייטען.

אויסער אויסערליכע שענהייט האט
אבער די גרויסע שטאָט נאך אנדערע
זאכען, וואס האבען אויך נישט קיין קליינע
באדייטונג: שולען, מיטעלשולען, הויכשולען,
ביבליאטעקען, מוזעאומס, טעאטערן,

צירקען, אנדערע פערוויילונגס-פלעצער
און אסך ליטעראַרישע און וויסנשאפטלי-
כע געזעלשאפטן.

וועגן מיין פערזענליכן לעבן האב
איך דיר ניט, וואס צו שרייבן. איך זיץ
א גאנצען טאג אין צימער און האב
קיין צייט ניט אפילו זיך צו בעקאנען
מיט אימיצען.

נו, ס'ווערט שפעט, און איך מוז ענדי-
גען מיין בריעף. איצט, טייערער, איז דיין
צייט אנגעקומען צום שרייבען, און איך
גלויב. אז דו וועסט מיר ניט לאזען לאנג
ווארטען אויף דיינעם אבריעף.

דיין...

ליעבע, טייערע רחל!

איך געפין נישט קיין ווערטער, זיך צו
פערטיידיגען — דו ביזט אינגאנצען גע-
רעכט. איך האב פון דיר ווירקליך צוויי
בריעף ערהאלטען, און נישט געענטפערט
אויף זיי; עס וואלט אבער זיין גאהר נישט
קלוג פון דיין זייט צו שליסען פון דעם
פאקט, אז איך האב מיך אינגאנצען אויפ-
געהערט צו אינטערעסירען מיט מיין
געבורטס-שטעדטעל און מיט מיינע קליינ-
שטעדטעלדיגע פריינדינס. גלויב מיר,
טייערע, אז אין דער גאנצער צייט,
וואס איך לעב דא אין דער גרוי-
סער שטאדט, האב איך נאך נישט

בעגעגענט קיין איינציגע פערזאן, מיט
וועלכער איך זאל זיך קענען אזוי ענג
צוזאמענלעבען, ווי מיט דיר. אין אלגעמיין,
האט דאס לעבען אין דער גרויסער
שטאדט אויף מיר עפעס א מאדנעם איינ-
דריק געמאכט; אלץ ווערט דא געמאכט
אין איילעניש, אין טומעל, און ווען די בע-
קאנטסט דיך אפילו מיט אימיצען און ווען
די ווערסט אפילו מיט איהם בעפריינדעט,
טוט עס אויך נאר א פלאקער-אויף אויף
א ווײלע, און עס פיהלט זיך נישט אין דעם
יענע הארציגע, ווארימע נאהנטקייט.
וואס בינדט צוזאמען צוויי יונגע שטרע-
בענדע הערצער און אונזערס אלשטעב-

ניעל. לאנגווייליגער לעבט מען ביי אונז, שטי-
לער, מיט ווייניגער עפעקט און שיק,
דערפאר אבער — טיעפער, הארציגער,
אינטימער.

שרייב מיר גלייך א בריעף. איך פער-
זיכער דיר, אז דיינע בריעף פערשאפען
מיר א אונענדליכען פערגניגען, און פון
מיין זייט וועל איך אויך שוין זעהן איצט
אנווענדען אלע מעגליכקייטען, דיר גלייך
צו ענטפערן.

דיין איבערגעגעבענע ...

טייערסטע מוטער!

איך קום צו דיר איצט מיט א פאר-
שלאג, וועלכען דו האסט זיכער ניט

ערוואַרטעט, און וועלכער וועט זיין דיר
אַ גאַנצען שטורם אַרויסרופען. איך וויל,
דו זאָלסט דער קליינער רחל'ען צושיקען
אַהער צו מיר און איך וועל זי דאָ האַלטען
נעבען זיך און אַריינגעבען ערגעץ אין
אַ שול אָבער אַליין מיט איהר לעהרנען.
איך מאַך דאָ קיין גליקען נישט; אָבער
לעבען לעב איך גאַנץ בכבוד'יג, און
רחל'ע וועט ביי מיר פון קיין מאַנגעל נישט
וויסען. איך ווייס אַפילו גאַנץ גוט, אַז דיר
וועט זעהר שווער זיין, זיך צושיידען מיט
דעם קינד, וואָס איז אונז אַלעמען אַזוי
טייער און אַזוי איינגעבאַקען אין האַרצען;
דו דאַרפסט אָבער בעטראַכטען, אַז אין

דער גרויסער שטאָדט וו. איז גיכער
מעגליך פון דעם קינד עפּעס אַ שטיקעל
תכלית צו מאַכען, ווי אין אונזער פער-
וואָרפענעם שטעדטיל, וואו ס'איז קיין שול
און גאָר קיין רעכטער לעהרער
נישטאָ. און ווייטער, וואָס עס געהער צו
איהר אויפפאַסונג, פערזיכער איך דיר,
אַז זי וועט זיך פיהלען ביי מיר גאַנץ גוט;
איך וועל זי היטען, ווי מיין אויג אין קאָפּ.
און קיין שפּרינקעלע נישט לאָזען פאַלען
אויף איהר. דו דאַרפסט וויסען, אַז
דאָס קינד געהט מיר אַפילו איין מינוט
פון זינען נישט אַרויס, און מיין איינציגע
שטרעבונג אין לעבען איז צו זעהן

גליקליך דעם קינד פון אונזער יונג-
פערשטארבענער און אונפערגעסליכער
רבקה'ן.

בעקלער דיך גוט, טייערע, און ער-
פיל דעם פערלאנג פון דיין טאכטער,
וואס ווארט מיט אונגעדולד אויף דיין
ענטפער.

חנה.

טייערער ב. ראָזענבוים!

זאל איך אזוי וויסען פון בייגע פאקטען,
ווי איך וויס, וואס דיר צו שרייבען!
נאר גאר נישט: פאפיער ליעגט אויס-
געשפרייט, א טינט-און-פעדער שטעהט
אויפ'ן טיש און צייט האב איך אויך — וועל
איך אביסעל פלוידערן מיט דיר.

הער אָלגאַ: די געדענקסט דאָך נאָך
מסתמא פון די אַלטע צייטען מיין שוואַכ-
קייט צום עסען און צום לייענען; די
געדענקסט דאָך די בערגער ראָמאַנען,
מיט וועלכע איך פלעג שטענדיג פערוואַר-
פען צייט. היינט שטעל דיך פאָר אַ נייעס:
איך האָב מיך שטאַרק גענומען צום
לייענען — טראַכט: וואָס? — די אידישע
געשיכטע! וועסט דאָך פרעגען: ווי
קום איך צו אַזעלכע ערנסטע זאַכען?
וועל איך דיר ערקלערן, פון וואַנען
סיהאָט זיך צו מיר גענומען דער חשק
מיט אַמאָל. צו שטודירען אַזעלכער אַמאָליגע
געשיכטע. אין דעם קורס פון גימנאַזיום

געהרט אריין, ווי די וועסט, א בעדייטענ-
דער טייל פון דער רוימישע געשיכטע,
און צוקומענדיג דארטין צו יענעם פלאץ,
וואו עס רעד זיך וועגען דעם אידישען
„אויפשטאנד“ געגען די רוימער און
וועגען די בלוטיגע מלחמות, וואס זענען
געפיהרט געווארען צווישען אט די ביידע
פעלקער, — בין איך עפעס מאדנע
איבערראשט געווארען: אידען האבען
געמאכט א „רעוואלוציע“, אידען האבען
געפיהרט מלחמות, אידען האבען
געשפיעלט אזא בעדייטענדע ראלע אין
דער געשיכטע פון די אלטע פעלקער —
ווען איז דאס געווען? ווער זענען עס

געווען די העלדישע אנפיהרער? און זענען עס טאקי די אידען געווען, פון וועלכע מיר, היינטיגע אידען, קומען ארויס? די דאזיגע פראגען האבען מיך נישט געלאזען רוהען, און איך האב בײ מיר פעסט באשלאסען, זיך גענויער צו בעקאנען מיט דער גאנצער אידישער געשיכטע אין אלגעמיין און מיט יענער עפּאכע — באזונדער. איך האב מיר געשאפט א פאלשטענדיגע אויסגאבע פון דער אידישער געשיכטע און זיך אוועק-זעצען לעהרנען אדער לייענען, און איך זאג דיר גאנץ ערנסט: וואס ווייטער איך לייען זי, אלץ מעהר פערשטארקט

זיך אין מיר די איבערצייגונג, אַז
אונזער געשיכטע איז איינע פֿון די
רייכסטע און אינטערעסאַנטעסטע. שוין
נישט רעדענדיג אין דער באַציהונג
צו די „היסטאָריעס" פֿון די נייגעבאַ-
קענע פֿעלקער, וואָס זענען ערשט
נעכטן אַרויף אויף דער היסטאָרישער
סצענע נאָר אויך אין פֿערגלייך מיט
דער היסטאָריע פֿון די אַנדערע. אַלטע
קולטור-פֿעלקער!

איצט האַלט איך גראָד ביי דער
עפּאָכע פֿון דעם אידישן „אויפֿשטאַנד"
געגן די רוימער, און איך ווער פּשוט
ענטציקט פֿון יעדער שורה. וויפֿיעל

איבערנאַטירליכען העלדענמוט זיי האָבען
אַרויסגעוויזען! איך ווייס נישט, צי דו
ביזט בעקאַנט מיט יענער עפּאָכע; נאָר
איך זאָג דיר, אַז די אַלע גבורות פֿון
די גריכען און רוימער, וואָס ווערען
געשילדערט מיט אַזאַ פּראַכט אין אונ-
זערע שול-ביכער, האָבען אַקליינעם
פֿערנעהם אַנטקעגען די גבורות, וואָס
אונזערע ייִדעס האָבען אַרויסגעוויזען
אין די צייטען פֿון אַספּסיַנוס און טיטוס.
איך וואָלט אייך וועלען נאָך אַסך,
אַסך רעדען מיט דיר וועגען דעם
געלעבטען ענין. ס'איז שוין אָבער שפּעט
ביי נאַכט און איך האָב מיך שוין אַזוי

אויך צופיעל פונאנדערגעלאזען. אויף
דערוויל — גענוג!

בלייב מיר דערוויל געזונד און
שטארק און פערגעס נישט צו ענטפערן
דיין איבערגעגעבענעם היסטאריקער...

ד.

# פאמיליען־בריעף.

טייערע גוטע מוטער!

שוין צוויי טעג, אז איך בין געקומען קיין מינסק און האב דיר נאך אלץ קיין בריעף נישט געשריבען. ענטשולדיג מיר דאס, ליעבע מוטער; איך וויים, אז דו ביזט אומרוהיג, דו קלערסט, ווי איז דיין זוהן פערפאהרען, ווי איז ער געקומען, וואס עסט ער, און וואס מאכט ער, און וואו שלאפט ער. א, מיין פיעלגעליעבטע מאמינקע, איך וויים, אז אלע דיינע רעיונות זענען נאר וועגען דיינע קינדער. איך איל מיך יעצט דיר אלץ אויסצושרייבען.

ערשטענס, בין איך פערפאהרען בשלום. דעם צוג האב איך נישט פערשפעטיגט. אויפ'ן וואגזאל האט שוין אויף מיר געווארט דער פעטער מענדיל. ער האט גענומען א דראזשקע און מיר זענען פייל פון בויגען געפאהרען דורך דער שטאדט. א שענע שטאדט, אפשר צוואנציג מאל די גרוים, ווי אונזערע. היינט מאגאזינען גרויסע, מיט הויכע גלעזערנע פענסטער. נאר וואס שרייב איך דאס דיר! דו ביזט דא, מאמינקע, געוועזען א סך מאל.

דער פעטער און די מוהמע און אלע קינדער נעהמען מיך זעהר גוט צו. די קעז־ און פוטער־קוכען דיינע, וואס דו האסט מיט מיר געשיקט, איז זייא אלעמען געפעלען. די עלטערע טאכטער, דוואשקע, וויל פאהרען צו אונז אויף זומער. א מאדנע זאך, מאמינקע: די

קלײנשטעדטילדיגע װילען אין די גרויסע שטעדט, און די גרויס־שטעדטיגע פערקעהרט. נאָר מיר דאַכט, אַז װען דו און דער טאַטע װאָלטען דאָ געװען, װאָלט איך קײנמאָל נישט געװאָלט פאָהרען צוריק אין דאָרף. דאָ איז אַ חיות: בײנאַכט ברענט עלעקטריע, און ס'איז ליכטיג. מענשען פול און פיעל. נאָר דו, טײַערע מאַמינקע, קענסט דאָך מײנען, אַז איך לויף אום אין די גאַסען סײַ טאָג סײַ נאַכט. אָ, נײן. איך בין נאָר אַ פאָר מאָל גע־גאַנגען מיט די קינדער שפּאַצירען.

בײַ טאָג לערין איך זיך און לײען, און װען דו װאָלסט עס זעהען, װאָלסטו געװען זעהר צופריעדען. דער לעהרער זאָגט, אַז איך װעל געװיס אויסהאַלטען דעם עקזאַמען און איך װעל אָנקומען. יאָ, מאַמינקע, איך קען דיר נישט זאָגען, װי גליקליך איך װעל זײן, אויב איך װעל אָנקומען. אַלענפאַלס זײַ רוהיג װעגען מיר; די מוהמע זעהט מיך גוט צו. איך שלאָף און עס גוט. נאָר חאָטש מיר איז געפעלען די שטאָדט און בײַ דער מוהמע'ן איז מיר זעהר גוט, בענק איך דאָך נאָך דער הײם און נאָך דיר, טײַערע. איך װאָלט, דאַכט זיך, געװאָלט אַריבערפליהען און זעהן, װאָס טוט זיך אין דער הײם. מיר דאַכט זיך, אַז זינט איך בין אװעקגעפאָהרען איז שוין אַריבער אַזויפיעל טעג און װאָכען, און מיר װילט זיך אַלעמען זעהן.

זײַ געזונד, מײן טײַערע מאַמינקע, און שרײַב מיר גלײַך פון אַלעמען. װאָס מאַכט ליזבינקע, עטעלע מיט מירעלען. איך גריס אַלעמען זעהר הערצליך און פערבלײַב

אײַער זוהן און ברודער

יצחק קלמנסאָן.

## פון אַ טאָכטער צו עלטערן.

געליִבּטע עלטערן.

זײַט מיר מוחל, טײַערע עלטערן, וואָס איך האָבּ אײַך אַזוי לאַנג ניִשט געשריִעבּען. איך האָבּ גערעכענט די צײַטען צו פאָהרען אַ היים, אָבּער דער זיידע מיִט דער באָבּען, זאָלען געזונד און שטאַרק זײַן, לאָזען מיך אַלין ניִשט אָבּ, און איך, פון מײַן זײַט, רײַס זיך ניִשט שטאַרק. וואָס פעהלט מיר דאָ? אוּבּ מיר פעהלט דאָ פויגעל־מילך, האָבּ איך דאָך דאָס אין דער היים אויך ניִשט געהאַט און איך וויל דאָס גאָר ניִשט האָבּען! מעה״, געשעצטע עלטערן, פעהלט דאָ מיר גאָרניִשט. מיר איז דאָ פרעהליך; איך האָבּ אַ סך חבר׳טעס, מיט וועמען צו שפּילען, דער זיידע לערענט מיט מיר תנ״ך, און ער איז פון מיר, דאַכט זיך, צופריִעדען. רוסיש לערענט מיט מיר די מוהמע איידלע, און אין די פרײַע צײַט פערבּרענג איך מיט מײַנע מיידלעך. איהר, ליִעבּע עלטערן, שרײַבּט מיר, וואָס הערט זיך אין דער היים, וואָס מאַכען חיים׳קע, זעליקעל, לאה׳לע. אַז איך וועל קומען, וועל איך אַלעמען בּרענגען שענע מתנות. די מוהמע איידלע האָט מיר אויסגעלערנט מאַכען פון פּאַטשערקעס טײַסטערלעך — וועל איך יעדען בּרענגען אַ טײַסטערעל. איך גריס אַלעמען הערצליך און פער־בּלײַבּ אײַער איבּערגעגעבּענע טאָכטער

דבורה נײמאַן.

## ענטפער.

טײַערע טאָכטער דבורה׳לע!

מיט גרויס פרייד האָבּען מיר דײַן בּריִעף געלייענט און געדאַנקט און געלויבּט גאָט, וואָס ער האָט אונז געבּענשט מיט אַזאַ בּריליאַנט,

ווי דו ביזט. נאר דו, טאכטער'קע, זאלסט זיך נישט איבערנעהמען פון די גוטע רייד, און זאלסט שטענדיג זיך סטארען זיי צו פער־דיענען—מיט דעם וועסטו מאכען גליקליך דיינע עלטערן, וועמעס גאנ־צער פערגעניגען עס איז דאס, אז זייערע קינדער זאלען זיין מענשען—לייטען־גלייך.

ביי אונז איז קיין נייעס. אין קראם לייזט זיך צו ביסלעך. אין א מארק־טאג פ"הלסטו אונז ביים לייזען, נאר פונדעסטוועגען רופען מיר דיך נישט. פערברענג, וואס לענגער. וואס זענען עלטערן דען נישט גרייט צו טהון פאר קינדער? אין עטליכע וואכען ארום וועל איך זיין ביי אייך, וועסטו קומען מיט מיר צוזאמען אהיים. די קינדערלעך בענקען נאך דיר זעהר; זיי לאזען דיך פשוט פון מויל נישט ארוים. דיינע חבר'טעס פרעגען זיך אויך שטארק נאך אויף דיר. אהן דיר, זאגען זיי, איז נישטא, ווער ס'זאל טאנצען. היינט דארף באלד זיין ביי דעם ארענדאר'ס טאכטער די חתונה—נאר דאס שרייב איך דיר גלאט אזוי, ווי א שטעדטילדיגע נייעס. דיך דארפען נאך אזוינע זאכען נישט אינטערעסירען. וועסט נאך אויף אזוינע זאכען האבען גענוג צייט.

יא, איך האב זיך דערמאנט: היינטיגען חודש—דעם צוויי און צוואנציגסטען סיון ווערט דיר פערצעהן יאהר. איך ווינש דיר א מזל טוב און שיק דיר מיין ברכה: זאלסט אויסלעבען דיינע יאהרען מיט מזל אין פרייד. יא, טאכטער'קע, פערצעהן יאהר ווערט דיר, און מיר דאכט, אז ווי נעכטען איז דאס געווען! אט דאכט זיך, האב איך דיר ערשט אויפגענעהט דאס ערשטע קליידעלע און אט האב איך שוין א סך גרויע האר אין קאפ, און דיין טאטע, זאל געזונד זיין, דעמאלט א יונגער מאן, איז שוין איצטער מיט א גרויער בארד. עס פליהט די צייט. דאס גאנצע לעבען פליהט אוועק, אז מ'זעהט זיך

נאר נישט ארום! נאר דאנקען גאט דערפאר. עס זענען געוועזען אלערליי צייטען פאר די דאזיגע יאהרען, אין איצט איז נישט צו פערזינדיגען. דאנקען גאט! דער טאטע איז היינטיגע וואך געוועזען ביים פריץ און האט ביי איהם געקויפט פאר עטליכע הונדערט רובל וואלד — נאר א גרויסע מציאה.

איך שרייב דיר שוין, טאכטער'קע, ווי דו וואלסט געוועזען א גרויסע, א כלה=מיידעל, ווייל קיין עלטערע האב איך נישט, און צווייטענס וועסטו שוין מיין בריעף לייענען דעם זיידען מיט דער באבען. גריס איידלען און דאנק איהר, פאר וואס זי לערנט דיך. וואס דו וועסט אריינחאפען איצטער אין די קינדער'שע יאהרען, וועט זיין ווי געפונען. איך קלויב זיך אונטערצופאהרען די צייטען, וועל איך שוין אלעמען אבדאנקען מונדליך.

דער טאטע גריסט דיך הערצליך. ער איז איצט אוועק דאווענען מנחה.

עטפער גלייך. דיין מוטער, וואס ווינשט דיר אלדאס גוטס

האדל נײמאן.

## א שוועסטער שרייבט צו א שוועסטער.

ליעבע, געטרייע שוועסטער גיטעלע!

איך האב דיר שוין לאנג נישט געשריבען קיין בריעף. וואס מאכסטו, ליעבע שוועסטעריל? אז איך דערמאן זיך, ווי די ביזט אליין און ווי דיר מוז זיין אומעטיג אליין ביים זיידען, — קען איך גאר נישט רוהען. מיר איז אפילו אויך נישט גוט. זינט אונזער גוטע מאמע איז טויט, וואגלען מיר זיך אלע און וואלגערן זיך אויף דער וועלט; נאר דו, גיטעלע, ביזט דאך די קלענסטע, און פאר דיר טוט מיר נאך

מעהר ווערה דאס הארץ. שוועסטעריל, ווען דו וואלסט וויסען, ווי די מאמע, עליה השלום, האט דיך ליעב געהאט — ווי דאס שווארצ-אפעל פון אויג האט זי דאך דיך געהיט!

זעה, שוועסטעריל, שרייב, וואס דו מאכסט און ווי לעבט זיך דיר ביים זיידען. איך וואלט געוואלט, דו זאלסט זיך אויסלערנען נייהען, וואלט איך דיך צוגענומען אין מינסק, און מיר וואלטען זיין צוזאמען. איך פערדינען אויף אלץ, וואס איך דארף. איך ארבייט אין א פאבריק פון קעסטלעך. די ארבייט איז א לייכטע. נאר מען דארף זעהר פריה אויפשטעהן. זעקס מוז מען שוין זיין אויפ'ן ארט. דאך אלץ בעסער, ווי דינען ביי לייטען. דינען איז מיר געווען שרעקליך שווער, ערשטענס—איז מען גאר ביי קיינעם נישט פער-רעכענט פאר א מענשען, און צווייטענס—האב איך נישט געקענט אי-בערטראגען די גראבע בעציהונג פון דער רייכער „מאדאם". נאר דאנקען גאט, וואס מיר האט זיך געמאכט דער צופאל און איך בין אנגעקומען אין פאבריק.

די ארבייט — קלייען קעסטלעך צו פאפיראסען — איז אזא לייכטע, אז לערנען זיך דארף מען גאר נישט, און די ערשטע וואך האב איך שוין גענומען געלד. אויב דיר, גיטעלע, געפעלט אזא מין ארבייט, קען איך דיר שוין נעהמען צו מיר. נאר מיר וואלט זיך בעסער וועלען מאכען דיר פאר א שניידער'קע. שניידעריי איז א מעהר אנגענומענע ארבייט. דו בעטראכט זיך און שרייב מיר גלייך וועגען דעם אנ'ענט-פער. שרייב מיר בכלל אפט. נאר איך האף צו גאט, אז אין גיכען וועלען מיר שוין זיין צוזאמען. איךווארט אויף דיין ענטפער און פערבלייב דיין איבערגעגעבענע שוועסטער

שיינדעל גאלקין.

## ענטפער.

פיעל־געליעבטע שוועסטער שיינדעל!

מיט גרויס פרייד האב איך געלייענט דיין בריעף. איך האב גע־מיינט, אז דו ביזט אודאי נישט געזונד, אדער גאט ווייס, וואס מיט דיר איז געשעהן. ליעבע שוועסטער, איך דאנק דיר זעהר, וואס דו זארגסט פאר מיר. איך, טייערע, ווייס שוין, וואס עס הייסט צו זיין אהן א מאמען. די באבישע מיט'ן זיידען זענען אפילו צו מיר נישט שלעכט, אבער איז דאס דען גלייך צו דער ליעבע פון א מוטער? די מאמע, עליה השלום, פלעגט מיר נאך אמאל, אז איך בין געווען גאר א קליינינקע, דערצעהלען, אז ווען א מאמע שטארבט לאזט אפילו גאט אליין ארויס א טרער...

פון מאמען איז אויך געווען א קארטעל. די שטיף־מאמע האט געבוירען א יונגעל, און ער בעט מיך קומען, נאר איך פליה טאקע „ניאנטשען" איהרע יונגלעך. —

דו האסט מיך זעהר דערפרעהט דערמיט, וואס דו ווילסט מיך צונעהמען צו זיך. ס'איז מיר גאר נישט קיין נפקא מינה, צו זיין א שניידער'קע, אדער א מיידעל פון א פאבריק. איך וועל סיי־ווי אוועק־פאהרען קיין אמעריקא, אז איך וועל ווערען עלטער. דו וועסט אויך פאהרען. נישקשה, שמואל וועט אונז שיקען שיפס־קארטעס.

אלזא, ליעבע שוועסטער, אויב דו מיינסט עס ערנסט, איך זאל קומען — שרייב מיר באלד, וועל איך שוין ביים זיידען ארויס־קריגען עטליכע גילדען אויף הוצאות הדרך, ווייל דער זיידע מיט דער באבען זענען אויך מסכים, אז איך זאל פאהרען.

ענטפער גלייך. פון מיר דיין שוועסטער גיטעל.

## פון א ברודער צו א שוועסטער.

פיעל-געליעבטע שוועסטער!

איך האב פעסט בעשלאסען דיך נעהמען צו מיר — מיין פערדיענסט וועט זיין גענוג פאר אונז ביידע. איך וועל זיין דערפון זעהר צופריעדען, ווייל דערמאנענדיג זיך, אז דו ביזט ביי פרעמדע מענשען, וואס פייניגען דיך, געהט מיר מיין לעבען נישט איין. איך געדענק נאך אזוי גוט, ווי אונזער פערשטארבענע מוטער האט איבער דיר געציטערט און געפלאטערט, און איצט מוזטו דיך וואלגערן ביי פרעמדע, און ליידען אזוי-פיעל. יעדער בריעף דיינער צורייסט מיין הארץ. נאר איך זאג דיר, מיין שוועסטער, אז צו דיינע צרות וועט באלד נעהמען אנ'עק. דו וועסט זעהן, ווי דיר וועט זיין גוט. איך וועל דיר אבגעבען צו א שניידערקע אדער צו א היטען-נייטערקע, און דו וועסט זיין מיט לייטען גלייך. איך ארבייט איצטער און א מאגאזין פון פארטיגע קליידער און פערדיען ארום פערציג רובל א חודש. פאר דער דאזיגער סומע וועלען מיר בעשטימט ביידע קענען לעבען. און דו, שוועסטער לעב, לאז האק און פאק און קום צופאהרען, וועסט נישט האבען קיין חרטה. א שטאדט א כרך. פרעהליך, לעבעדיג, מע ווייס, וואס מען לעבט! איך וועל דיר דינגען א לעהרער, וועסטו זיך אויסלערנען שרייבען, נישט וואקסען גלאט א פערגרעבטע דיענסט און אויסוואקסען, ווי א ווילדע. דער געדאנק, אז מיין איינציגע ליעבע שוועסטער איז א דיענסט, דער געדאנק עגבערט מיין מוח. נאר, טייערע מיינע, גענוג צו ריידען און קלאגען. מיט ווערטער מאכט מען גארנישט. קום גלייך צופאהרען, וועסטו זיך אליין איבערצייגען אין דער איבערגעגעבענהייט פון דיין טרייען ברודער

משה.

## א ווייב צו א מאן אין אמעריקא.

מיין ליעבער טרייער מאן יוסף!

דיין בריעף האב איך ערהאלטען — דעם ערשטען בריעף פון דעם גאלדענעם לאנד. מיין טייערער! ווי לאנג האב איך אויף דעם דאזיגען בריעף געווארט, און ווי ווייניג האט ער מיר דערצעהלט פון דיין לעבען, פון דעם אלעם, פון וואס איך וואלט אזוי געוואלט וויסען! געוויס קען איך דיך נישט מאכען שולדיג אין דעם. איך וויים אליין, אז אלץ אויסשרייבען איז אונמעגליך, דעריבער שרעקט מיך דאס פאפיער-לעבען, וואס איך דארף איצט אנהויבען פיהרען מיט מיין מאן. און גאט דער לעבעדיגער וויים, ווי לאנג דאס וועט מוזען דויערן!

איך פון מיין זייט וויים איך נישט, פון וואס מ'הויבט דיר פריהער אן צו שרייבען. דאס פאפיער איז אזוי קורץ און וואו נעהמט מען געדולד אלץ אויסצודערצעהלען, וואס ס'האט זיך ביי מיר אנגעקליבען אויפ'ן הארצען, זינט דו ביזט אוועקגעפאהרען?

פערשטהסט דאך אליין, אז אהן דיר איז מיר זעהר אומעטיג. איך קען פשוט אין שטוב נישט זיין. מיר דאכט זיך, אז אלע ווינקעלעך וויינען. די קינדערלעך בענקען אויך נאך דיר און לאזען דיר פון מויל נישט ארויס. זימעלע זאגט, אז ער האט מורא, וואס זיין טאטע פאהרט איבער א גרויסען טייך. דוד'ל בענקט נאך דיר אויך זעהר. ער איז א טייער קינד, זיינע איינפאלען מיט זיינע חכמות זענען נאר צו דרוקען! עס פינסטערט אבער א גאנצען טאג אין חדר מיט א שטיקעל טרוקען ברויט, און עס וויינט מיר דאס הארץ פאר איהם!

נאר, מיין ליעבער מאן, זארג נישט פאר אונז. אז גאט וועט

אויף אונז רחמנות האָבען און דיר צושיקען די גוטע פּרנסה, וועסטו זיך דאָך מיט אונז טיילען, און די שלעכטע צייט וועל איך שוין האָבען געדולד איבערצושטופּען. איך בעט דיך נאָר אונז שרייבען אָפטע און לאַנגע בריעף. איך פערהאָף צו גאָט, אַז ער האָט אונז נישט צושיידט אויף לאַנג, און איך וועל ווארטען און צעהלען דעם טאָג, ביז די גליקליכע שעה וועט שלאָגען.

פון מיר דיין געטריַע ווייב.

## אַ זהון צו אַ מוטער.

איך קען דיר, ליעבע מאַמע, שרייבען, אַז נעכטען האָבען זיך געענדיגט אַלע עקזאַמענעם ביי אונז אין שול. איך האָב געקריגען אַ שענע בעלוינונג — ביאַליק׳ס שירים אין זעהר אַ שענעם באַנד. נאַטירליך בין איך זעהר צופרידען. אין איינינע טעג אַרום וועל איך פאָהרען אַ היים, און איך שען זיך גליקליך, וואָס איך וועל שוין ענדליך זיך מיט אייך אַלעמען זעהן.

איך שטעל מיר פאָר, ווי גוט איצט איז אין דערהיים!

דער זומער, די בליהענדע פעלדער, דער קלאָרער טייך! איך דערמאָן זיך אָן אַלץ, און ס׳ווילט זיך מיר שוין וואָס גיכער איבערפליהען אַהיים. די שטאָדט האָט מיר דערעסען און זומער איז דאָ בעזונדער אומעטיג. אַז עס וואַקסט שוין ערגעץ וואו אַ בוים, זעהט ער אויס אַזוי מאָדנע עלענד, ווי אַ יתום. דאָ איז אַפּילו פערהאַן אַ שטאָדט-גאָרטען, וואו אַלע אָבענד שפּיעלט מוזיק, און עס קומען זיך צונויף פּיעל-און-פּיעל שפּאַציערענדע, נאָר ווי קומט דאָס צו אונזער דאָרף, צו אונזערע ברייטע פעלדער, צו אונזער שענעם טייך

און דעם טיעפען וואלד! איך צעהל שוין דעריבער די שעה'ען, וואס ניכער צו זיין אין דער היים. איך האב מיך אויך שטארק פער־בענקט נאך מיינע טייערע שוועסטערלעך און ברידערלעך. זאג זיי, טייערע מאמע, אז איך וועל זיי ברענגען גוטע זאכען און שענע מעשה'לעך.

צום ניכסטען ווידערזעהן, מיינע טייערע!

אייער זוהן און ברודער.

## פון א טאכטער צו עלטערן.

ליעבע עלטערן!

שוין א מאנאט צייט איז פאריבער, זינט מיר האבען זיך צושיידט, פאר דער דאזיגער צייט האב איך זעהר פיעל איבערגעלעבט, און דעריבער מוזט איהר מיר מוחל זיין מיין לאנגעם שווייגען. אונזערע קרובים, די פינקעלשטיינ'ס, אויף וועלכע איך האב געלייגט אזוי פיעל האפענונגען, האב איך גאר נישט דערווישט: זיי זענען מיט צוויי מאנאטען צוריק ארויסגעפאהרען קיין סאראטאוו. מיט וועניג געלד, אהן פריינד און בעקאנטע, האב איך זיך די ערשטע צייט געפיהלט נישט גאר גוט. עס האט שוין געהאלטען אזוי וויט, אז איך האב געטראכט אפילו פון פאהרען צוריק. נאר די בושה פאר אייך און פאר לייטען האט מיך אבגעהאלטען. און דאנקען גאט! עס איז שוין אלץ אריבער. איך האב געקריגען ארבייט אין א גוטער און אנשטענדיגער אנשטאלט, דער ארבייטס־טאג רעכענט זיך ביז אכט אוועגד, און די איבעריגע פרייע צייט קען איך לייענען, זיך לערנען צו־ביסלעך, שפאצירען געהן, און אמאל, פאר אן'אבגעשפארטען האלבען־רובל, זיין אין טעאטר. דאס

אלין, ווייסט איהר דאך, מיינע טייערע, האט מיך פריהער צו זיך געצויגען, און איצט, ווען איך האף, אז איך וועל דאס קענען דערגרייכען, פיהל אין מיך זעהר, זעהר גוט. וואוינען וואוין איך צוזאמען מיט נאך א מעדעל. יענע איז אויך אנ'ארבייטארין און זעהר א וואויל מעדעל. זי האט מיך בעקאנט מיט איהרע בעקאנטע, און איך פערברענג זעהר גוט.

איהר זעהט אלזא, אז איך דארף נישט האבען קיין חרטה, וואס איך בין אוועקגעפאהרען. איהר ווייסט דאך, ווי שווער איך פלעג ארבייטען און פאר אזוי ווייניג געהאלט. דא נעהם איך דערווייל 25 רובל מאנאטליך — אין שטעדטיל ביי אונז נעהמט דאס דער בעסטער ארבייטער נישט, אפשר קוים א העלפט. מיט איין ווארט, טייערע עלטערן, איהר דארפט זיין צופריעדען. נאך אייך בענק איך זעהר, אבער איך האף אייך שוין צו זעהן, נאר אין פריידען. ענטפערט מיר גלייך און שרייבט מיר פון אלעמען, וואס איהר מאכט. איך קוש היים בערעלען און אסתר'קען.

אייער איבערגעגעבענע טאכטער
ביילע האכמאן.

## ענטפער.

ליעבע טאכטער!

מיט גרויס פערגעניגען האבען מיר געלייענט דיין בריעף, אז דו האסט זיך דאנקען גאט שוין איינגעארדענט. דו ווייסט נישט, טייערע טאכטער, ווי אונרוהיג מיר זענען געוועזען פון דיר, און דיין נישט שרייבען האט אונז פשוט די כחות צוגענומען. וואס האבען מיר

נישט געקלערט און געטראכט! ווענינ אומגליקען טרעפט אין דער וועלט? דאנקען גאט, אז ס'איז כשורה, און גאט זאל דעם חסד ווייטער נישט אבטהון. מיר זענען זעהר צופריעדען, וואס דו פיהלסט זיך גוט. נאר איין זאך, ליעבע טאכטער, ווילען מיר, דיינע עלטערען, דיר זאגען, זיי פארזיכטיג מיט בעקאנטע. אויף דער וועלט זענען פער=האן אלערליי מענשען, מענשען פערשטעלטע, וועלכע ס'איז שווער צו דערקאנען און פאר וועלכע מען מוז זיך זעהר היטען. און א יונג מעדעל מוז דאס יעדע שעה געדענקען און אויף יעדען שריט און טריט זעהר פארזיכטיג זיין. נאר קיין סך דארפען מיר דאך דיר נישט שרייבען; דו פערשטעהסט דאך אליין עפעס. מיר בעטען דיר, טאכטער'קע, דו זאלסט אונז שרייבען אפט און פון אליץ. ביי אונז איז אליץ ווי געוועהנליך, אויפ'ן אלטען שטייגער. אסתר'קען האבען מיר אבגעגעבען זיך לערנען נייהען ביי העגען דער נייטערין. זי האט אויך דערצו חשק. א ברילאנט א קינד. בערעלע לערענט אין חדר און דער רבי איז פון איהם אויך צופריעדען.

ענטפער גלייך

דיינע עלטערן, וואס ווינשען דיר גליק...

## א יונגעל לאדט איין זיינעם א חבר צו זיך צו גאסט.

בעסטער חבר!

דו ווילסט וויסען, ווי איך פערברענג די צייט דא ביי אונז אין דארף? — קום צופאהרען וועסטו זעהן. איך דארף דיר נאר זאגען, אז איך בין א מאנאט און דערהיים, און איך קען זיך נאך אליץ נישט אנזעטיגען מיט די ליעבע זומער=פערגעניגנעס.

ס'איז דא אזוי גוט! די פעלדער, די וועלדער, די לאנקעס

— גרינגע, אויסגעצירטע,— דו קענסט אומעטום פראַנק און פריי שפּאַ־
צירען. קיינער מאַכט דיר נישט קיין בעמערקונג, קיינער פּייניגט
דיך נישט מיט קיין „לעקציעס״, און דו געניסט פון דער פרייהייט
מיט'ן פולען מויל.

אונזער דינער האָט מיך אויסגעלערנט פאָהרען רייטענדיג
אויף אַ פערד, און איך רייט שוין זעהר גוט. די מאַמע איז אפילו
דערפון נישט גאָר צופרידען, זי האָט מורא פאַר אַ געפאַהר; דאָך
שטערט זי מיר נישט. מיט איין וואָרט: דער ליבער גאָט איז ווערט
אַ הארציגען דאַנק פאר זיין שענעם ליכטיגען זומער... איך בעט דיך
ליבער יוסף, קום גלייך צו אונז צופאָהרען. אונזערע וועלען דיך
צונעהמען פאַר אַ גוטען גאַסט— דו וועסט נישט האָבען קיין חרטה.
איצט גרייט מען זיך ביי אונז צו שניידען קאָרן. דאָס איז דאָס שענ־
סטע, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען— דו וועסט זיכער ענטציקט
ווערן. קורץ: נעהם גלייך און קום צופאָהרען.

איך וואַרט אויף דיר מיט דער גרעסטער אונגעדולד,
דיין איבערגעגעבענער חבר
שלום.

## ענטפער.

פיעל־געליעבטער חבר!

איך האָב ערהאַלטען דיין בריעף, און איך דאַנק דיר פאַר דיין
איינלאַדונג. ס'טוט מיר זעהר לייד, וואָס איך קען דיין וואונש נישט
ערפילען, און נאָך מעהר פערדריסט מיר, וואָס איך וועל גאָר פאַר
אַ גאַנץ זומער נישט אָנזעהן קיין דאָרף. דאָ, אין שטאָדט, איז דער
זומער אַנ'אָנשיקעניש. היץ, שטויביג, נישט אויסצוהאַלטען. נאָר

דו ווייסט דאך, אז איך האב א „פערעקזאמינאוקע" אויף אריטמעטיק, און איך מוז זיך דעם גאנצען זומער לערנען. מיר ווילט זיך זעהר נישט בלייבען אויף א צווייטען יאהר אין דריטען קלאס; צווייטענס, וויל איך נישט פערשאפען קיין שמערצען מיינע עלטערן, וועלכע עס קומט אן זעהר שווער דאס צאהלען. זיי זאלען נאך פאר איין און דעם זעלבען קלאס צאהלען צוויי מאל — דער געדאנק לאזט מיר איין מינוט נישט רוהען. איך לערן זעהר פיעל, און פערהאף אריבערצוגעהן בשלום אין פיערטען.

אלזא ליעבער שלום! איך דאנק דיר נאך א מאל פאר דיין איינלאדונג, און פערבלייב דיין איבערגעגעבענער חבר

יוסף.

## א זוהן שרייבט צו עלטערן.

טייערע עלטערן!

נעכטען האב איך ערהאלטען אייער בריעף. איך האב איהם געלייענט און געלייענט און לייענענדיג האב איך אזוי קלאר זיך פארגעשטעלט די היים מיט אייך אלעמען, גלייך ווי איך וואלט געוועזען דארטין אין דער ליעבער גוטער היים, צוזאמען מיט אייך, צוזאמען מיט אלע נאהנטע און טייערע.

א, ליעבע עלטערן, מיר איז זעהר אומעטיג אהן אייך, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער זיידע מיט דער באבען האלטען מיך טייערער נאך ווי אן'אייגען קינד. אין דער־היים איז פארט בעסער. אז מען פיהלט טאטע־מאמע נעבען זיך איז מען ביי זיך גאר זיכערער. איך דארף דיר זאגען, מאמינקע, אז איך צעהל שוין די טעג: זאל שוין זיין סוף־זמן און איך וועל אוועקפאהרען א היים. איך בעט נאר

גאָט, אַז ס'זאָל נאָך אויך זיין ווארים, מ'זאָל זיך קענען באָדען. און דאָ איז אויך פאַרהאַן אַ טייך, אָבער ווי קומט עס צו אונזערן, און צווייטענס, לאָזט מיך די באָבע נישט געהן. זי האָט מורא, איך זאָל זיך, חלילה, נישט דערטרינקען, און אָהן דער באָבעשי'ס ערלויבנישט קען איך דאָך נישט געהן. דער זיידע שרייבט אייך באַזונדער אַ בריעף וועט ער שוין געווים שרייבען וועגען מיין לערנען. איך געדענק, ליעבע עלטערן, אייער פערזאָג צו שאַנעווען די צייט און נישט צו פערברענגען זי אין לעדיג געהן. איך לערן און לייען; דער זיידע לערענט מיט מיר עטליכע שעה און די איבריגע צייט בין איך אין חדר. דער זיידע זאָגט, אַז אויף ווינטער וועל איך שוין דאַרפען האָבען אַ גרעסערן מלמד. איך וואָלט געוואָלט אָנקומען אין אַ קלאַס, דאָס ווענדט זיך שוין אָן אייך, ליעבע עלטערן. אַזוי איז ביי מיר נישטאָ קיין נייעס. איך בענק נאָך אייך און גאַר אייך צו זעהן.

פון מיר אייער זוהן, וואָס ליעבט אייך מיט'ן גאַנצען האַרצען
שלמה פעלדמאַן.

## ענטפער.

טייערער זוהן!

מיר האָבען דיין בריעף ערהאַלטען. דאַנק גאָט, וואָס דו געפינסט זיך אין בעסטען געזונד. אונז פרעהט זעהר, וואָס דו לערנסט זיך גוט—וואָס דו וועסט איצט אַריינחאַפּען וועט זיין שפּעטער, ווי געפונען. סיי אָרים, סיי ריין—קענטשאַפט איז שטענדיג אַ צירונג, און דו דאַרפסט וויסען, אַז אונזער גאַנצער באַגעהר איז, אַז דו זאָלסט זיין אַ מענש מיט לייטען גלייך, אַז מיר זאָלען זיך מיט דיר, חלילה, נישט דאַרפען שעמען. ס'געהט אַוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר,

מ'זעהט זיך נישט ארום, ווי די יאָהרען פליהען דורך און אַז מען דער־גרייכט גאָרנישט, בלייבט מען ביי גאָרנישט.

דו שרייבסט אונז, טייערער זוהן, אַז דו ווילסט אָנקומען אין קלאַס; זאָלסטו וויסען, אַז איך, דיין פאָטער, בין אויף דעם נישט מסכים. דאָס איז אַ לינקער וועג, מיט וועלכען קיינער פון אונזער משפחה איז נאָך נישט געגאַנגען. אַז מ'וויל לערנען, קען מען אין דערהיים אויך האָבען גוטע, יודישע לעהרער, וואָס לערנען נישט ערגער, ווי אין דעם נישט־יודישען קלאַס, און בכלל וויל איך, אַז מיין קינד זאָל געהן מיט דעם זעלבען וועג, ווי איך בין געגאַנגען, און ווי אונזערע אָבות אבותינו. דאָס איז דיינע עלטערנ'ס וואונש.

די מאַמע גריסט דיר זעהר. ביי אונז איז קיינע נייעס. עס קען זיין, רייזעל זאָל ווערען מיט מזל אַ כלה מיט גרונמ'ס זוהן. אַז ס'וועט זיין וועט מען דיר שרייבען. דערוועיל לערן גוט, פאָלג דעם זיידען מיט דער באָבען און זיי אַ מענש. דיין פאָטער, וואָס ווינשט דיר אַלעס גוטעס, און האָפט פון דיר נחת צו האָבען

יונה פעלדמאַן.

אַ מוטער שרייבט צו אַ זוהן, וואָס לערענט זיך אין שטאָדט אין תלמוד־תורה.

מיין ליעבער הארציגער זוהן!

איך האָב אַ לאַנגע צייט זיך געקליבען דיר צו שרייבען אַ קאַרטיל, און אַלין קען מען זיך נישט אויסקלייבען. מיר איז שווער צו שרייבען און אָנקומען צו יענעם, ווייסטו דאָך, איז נישט לייכט.

וואָס זאָל איך דיר שרייבען, מיין ליעבער זוהן, זינט דו ביזט נישטאָ, טריקענען נישט מיינע אויגען. איך קען אויף איין ווילע

נישט פערגעסען, אַז מיין ליעב קינד וואַלגערט זיך אין דער פרעמד און דאַרף עסען ביי פרעמדע טישען. נישט אויף דעם האָב איך דיך געהאָדעוועט. נאָר מסתמא איז דאָך גאָט גערעכט! מען דאַרף אַלץ אָננעהמען פאַר ליעב. דו, מיין קינד, ביזט נאָך יונג, דער מזל דיינער איז נאָך פאַר דיר. פון קלויזניקעס זענען אַמאָל אַרויסגעקומען די גרעסטע לייט, דער גרויסער קאָוונער גאון האָט זיך אויך אַמאָל גע־וואַלגערט און אונזער דאָקטאָר לינוואַלד איז אויך אַמאָל געווען אַ קלויזניק — אָהן זיין שאָדען אויף דיר געזאָגט געוואָרען! איך, דיין אַלטע מאַמע, זאָל דאָס נאָך דערלעבען צו זעהן!...

דערווייל, מיין קינד, מוזען מיר אַלץ געדולדיג איבערטראָגען. מיין גאַנצע האָפנונג זענט איהר ביי מיר, קינדערליך! פעשינקע שרייבט פון אַמעריקאַ, אַז זי וועט אָנהויבען אַרבייטען, וועט זי אונ־טערשיקען אַ פאָר רובל; עס וואָלט מיר שטאַרק צונוץ געקומען.

שרייב, ווי געהט דיר. איך שלאָף נישט קיין נאַכט און טראַכט נאָר פון מיינע ליעבע קינדער, וואָס דער גרויסער גאָט האָט זיי צוזייהט איבער שבעה ימים. וואָס מאַכען זיי? וואָס טוען זיי? וואָס עסען זיי? וואו שלאָפען זיי?

איך אַליין לעב זיך ווי עס איז דורך. איך באַק אָב אַ געבעק ברויט אַ טאָג, האָב איך מיין הוצאָה. די גאַנצע דאגה מיינע איז, וואָס איך קען דיר, מיין זוהן, גאָרנישט אונטערשיקען.

שרייב מיר חאָטש צי דו האָסט שיך, צי דיין גאַרניטערל איז נאָך גאַנץ... לויף נישט איבעריג אום, שטיף נישט, זיי אַ מענש און לערן גוט, וועסטו זיין מיט לייטען גלייך. היט זיך פון באָד־יונגען — זיי פיהרען אַרויף אויף אַ שלעכטען וועג. היט זיך, מיין קינד! גע־דענק גוט מיינע רייד, איך וויים, אַז דו ביזט אַ גאָטספאַרכטיג

קינד און איך האף צו גאט, אז ער וועט דיך פיהרען אויף א רעכטען וועג.

זייא געזונד און ענטפער מיר גלייך

דיין מוטער.

## א שוועסטער שרייבט צו א שוועסטער.

טייערע ליעבע שוועסטער!

מיר וואונדערט זעהר, וואס דו שרייבסט מיר גארנישט. איך האב דיר שוין צוויי בריעף געשריבען, און האב פון דיר נישט געהאט קיין ענטפער. איך קען גארנישט פערשטעהן די אורזאך. זאל איך טראכטען, אז דו טראגסט נאך אויף מיר אלץ דעם פערדרוס, וואס איך בין אין א גרויסער שטאדט, און דו ביזט אין דער היים און מוזט ארומגעהן ארום אונזער קראנקער מוטער? א, טייערע שוועסטער, איך וויל דאס נאר אויף מיין זינען נישט ארויפלאזען. נאר פאר דעם פאל טאמער, טאמער דערוועקט זיך אמאל ביי דיר אין הארצען א געפיהל פון קנאה, — וועל איך דיר אלץ אויסשרייבען. טייערע שוועסטער, מיר זענען דאך איין בלוט און פלייש — זארען מיר איינע די אנדערע נישט פערגינען קיין גליק, אדער זיך נישט טיילען אין אומגליק!

איך בין שוין באלד צוויי חדשים פון דער היים. צוויי חדשים! מ'קען זאגען גארנישט קיין סך צייט. ריכטיג... וואס איז צוויי חדשים? אבער ווען איך דערמאן זיך, וואס איך האב פאר די צוויי חדשים אדורכגעמאכט, קומט מיר אויס, אז איך האב שוין דא אבגעלעבט פינף און צוואנציג יאהר... מיר וואונדערט נאר, וואס מיין קאפ איז

מיר נישט גרוי געווארען. ווייסט דאך, אז איך בין פערפאהרען צו דער מוהמע ביילע׳ן. געלד האב איך געהאט ווענינ, און די מוהמע האט דערפון געוואוסט, דעריבער איז איהר אויפנאהמע געווען זעהר א קאלטע. עס האט מיך שרעקליך ערנידערט און איך האב בעשלא־סען: וואס ס׳וועט זיין וועט זיין — איך וועל אוועק פון די קר׳בים. איך האב געדונגען א צימערל און האבענדיג אין טאש נישט מעהר, ווי פופציג קאפייקען קליינגעלד. האב איך אנגעהויבען פיהרען א זעלבסטשטענדיג לעבען.

ס׳איז אוועק א טאג און צוויי. איך בין געווען ביי איינינע פא־פיראסען־מאכערינס בעטען ארבייט, נאר אומעטום האב איך געהערט דאס קאלטע, שרעקליכע: „ניין“.

ווי איך האב געלעבט — קענסטו דיר פארשטעלען. זעקס קאפיקעס א טאג איז געווען מיין הוצאה... א, שוועסטער מיי־נע, וואס האב איך נישט איבערגעטראכט אין יענער פערצוויי־פעלטער צייט! נישט איין מאל האב איך, אויפשטעהענדיג אין דער פריה און דערמאנענדיג זיך, אין וואס פאר א לאגע איך געפין זיך — געוואלט מאכען א שפאציער דורכ׳ן פענסטער פון פיערטען שטאק, וואו מיין צימערל האט זיך געפינען. איך האב אבער גע־פיהלט, אז איך האב דאס קיין רעכט נישט צו טהון, אז מיין לעבען געהערט נישט מיר אליין, נאר אויך דיר מיין שוועסטער, מיין ארי־מער, קראנקער מוטער, מיין אלטען פאטער, און איהר האט מיך אבגעהאלטען פון דעם!

נאר נישט אומזיסט זאגט מען: וואס שרעקליכער די לאגע, אלץ נעהנטער די הילף.

עס זענען אריבער עטליכע טעג און איך האב שוין נישט פער־

מאָנט קיין איין קאָפּיקע. איך האָב שוין אַפילו פערקויפט אייניגע ביכלעך, וואָס איך האָב מיטגענומען זיך צו לערנען, און געלד — קיין פרוטה נישט. זיץ איך איינמאָל אָווענד־צייט אין צימער. עסען ווילט זיך, אויפ׳ן האַרצען איז שרעקליך אומעטיג, און עס קומט מיר אויס, אַז קיין אַנדער וועג, אויסער זיך אַרויסצעוואַרפען פון פענסטער, האָב איך נישט. ערשט מיט אַמאָל, פּינקט טאַקע, ווי אין די ביכלעך דערצעהלט זיך, עפענט זיך אויף די טהיר פון מיין קאַמער און — טרעף ווער געהט אַריין? העניע גאָלדע׳ס פון ווילנער גאַס, די פּאַפּי־ראָסניצע.

זי וואוינט גראָד אויך אויף דעם זעלבען הויף און זי האט מיך ביי־טאָג געזעהן דורכגעהענדיג, האָט זי געפרעגט דעם סטרוזש, ביי וועמען איך וואוין — מיין פאַמיליע ווייס זי — און איז צו מיר געקומען.

וואָס פרעגסטו — ווי פון הימעל איז זי מיר אַראָבגעפאַלען: זי האָט מיר פאָרגעלעגט מיט איהר צוזאַמען צו אַרבייטען, ווייל זי האַלט אַליין „אַ טיש“. דאָס איז פאַר מיר געווען נישט נאָר אַ גליק, נאָר עפּעס אַ נס. איך האָב שוין גאָר קיין אויסוועג נישט געהאַט, סיידען זיך אומקעהרען צום פעטער, נאָר דאָס האָב איך זיך פערשוואוירען נישט צו טהון.

נאָר איצט, ליעבע שוועסטער, חאָטש איך קום שוין דורך מיט לעבענס־מיטעל, — צו גליק איז עס נאָך וויים. וואָס איז מיר די פּעולה פון דער גרויסער שטאָדט, פון די טעאַטערס מיט די קאָנצערטען, אַז איך האָב צו זיי נישט מעהר צוטריט פון דיר, מיין שוועסטער.

איך האָב דיר אַלץ אויסגעשריבען. נאָר דו, שוועסטער, בעדויער

מיך נישט, מיר זענען דאך נאך ביידע יונג, מיר קענען נאך ביידע האפען אויף גוטס.

ענטפער גלייך און שרייב פון דעם שטעדטעלדיגען לעבען. איך בענק זעהר נאך איהם.

דיין שוועסטער חנה.

## א מאן שרייבט צו א פרוי.

פיעל געליעבטע פרוי!

שרייבענדיג דיר מיין ערשטען בריעף, דערמאן איך מיך, וויפיעל טעג עס וועלען מוזען אדורכגעהן ביז מיין בריעף וועט צו דיר אנקומען, און עס ווערט מיר אויפ'ן הארצען אזוי אומעטיג און שווער. א, מיינע טייערע, ווי וויט האט מיך דער מזל פון אייך פעריאגט! א גרויסער אונענדליכער ים מיט טויזענדער מיילען יבשה טיילען מיך אב פון אייך, — אבער מיינע אלע רעיונות און מיין גאנצע נשמה זענען שטענדיג ביי אייך און מיט אייך.

איך בענק נאך דיר, מיין טייערע, און נאך די קינדערליך, אז ס'איז גארנישט ארויסצושרייבען. מיין איינציגע האפנונג, וואס בעלייכט מיר מיין וועג פון עלענד איז, אז איך וועל אבזיין דא א פאר יאהר, וועל פערדינען א ביסעל געלד, און דער רבונו של עולם, וועלכער האט מיך געבראכט בשלום א הער, וועט מיך צוריק צו אייך בריינגען. מיין איינציגער באגעהר איצטער איז צו זיין ווידער מיט אייך. אז איהר, מיינע ליעבע און טייערע, זענט פון מיר וויט, פרעהט מיך נישט די גרויסע, פרעהליכע שטאדט מיט איהרע אלע פערגעניגענס, וואס זי פערמאגט.

פון וועג האב איך געשריעבען איינינע בריעף, וועלכע דו האסט

גוויס בעקומען. פון שיף האָט מיך אַראָבגענומען רחל=לאה'ס מאַן, און צו איהם בין איך שוין אויך פערפאָהרען. איך בין שוין געווען אויך ביי די איבריגע קרובים, וועלכע האָבען מיך זעהר שען צוגע= נומען. זיי האָבען זיך אַלע נאָכגעפרעגט אויף דיר און די קינדערלעך. זיי גיבען מיר גוטע האָפנונגען, אַז איך וועל דאָ גוט פערדיענען, און מיר וועלען, אם ירצה השם, אין גיכען ווידער זיין צוזאַמען. אָדער איהר צו מיר אָדער איך צו אייך, וויל אָהן וייב און קינד איז דאָס לעבען קיין לעבען נישט. דאָס האַרץ איז צוריסען אויף ביידע זייטען ים — און צופריעדען קען מען נישט זיין. נאָר דו, מיין טייערע, זאָרג נישט; איך וועל אָנהויבען צו אַרבייטען וועל איך דיר גלייך שיקען געלד — און דו וועסט אָברוהען פון אַלע דאגות און קאָפּדרעהעניש. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר נאָר שרייבען אָפט און פון אַלץ, וואָס דו און די קינדער מאַכען. איך פערבלייב מיט אונגעדולד און וואַרט אויף דיין בריעף.

יוסף שניטמאַן.

## פון אַ חבר צו אַ חבר.

ליעבער חבר שלמ'קע!

וואָס מאַכסטו? איך קלייב זיך שוין אין שטאָדט אַריין. דער זומער, פערשטעהסטו מיך, האָט זיך פון אונז שוין אינגאַנצען אַרויס= גערוקט, און אין דאָרף איז געוואָרען אומעטיג. די פעלדער הויהלע, אַלע תבואות אָבגעשניטען און די שייערען פערשלאָסען. עס דאַרען און וועלקען די בלעטער פון די בוימער. נאָר דער סאָסנאָוועער וואַלד טוט זיך אָן אין גרינעם קלייד לכבוד ווינטער. אומעטיג אין

דארף. דער אָוועגד איז שוין געוואָרען לענגער, דער טאָג קירצער, און אז דו שטעהסט אויף א ווייגער זיעבען אין דער פריה, טרעפסטו נאך דעם בלויען נעבעל פון דער נאכט ליעגען אויף די פעלדער, און עס נעהמט זיך אזוי בענקען נאך דעם פערגאנגענעם זומער, ווי נאך א פאָטער אָדער א מוטער, וואָס איז פון דיר אויף א לאנגע צייט אוועקגעפאָהרען.

מען דארף שוין, ברודער־לעב, זיך ווידער נעהמען צום לער־נען. די ביכלעך מיינע האָבען זיך גוט אויסגערוהט פאר'ן זומער, און איצטער מיט פרישע קרעפטען דארף מען זיך נעהמען צו די כלים, ווי מען זאָגט. איך ווייס נישט, ווען פאנגט מען אָן צו לערנען אין קלאַס. איך רעכען אין א פאָר טעג ארום זיין אין שטאָדט, איז אלזאָ צום ווידערזעהן.

דיין איבערגעגעבענער חבר

שייקע.

# פאַמיליען־בריעף.

לִיעבּע עלטערן!

ווידער איז אַ יאָהר פערשוואונדען אין דעם ים פון דער פערגאַנגענהייט, און מיר שטעהען אויפ'ן גרענעץ פון אַ נייעם. און ווען איך דערמאָן זיך אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט פאַר דער קורצער צייט, ווערט מיין האַרץ פול מיט אונענדליכער ליעבּע און דאַנקבּאַרקייט צו אייך, מיינע ליעבּע עלטערן. פון קינדהייט אָן האָט איהר מיך מיט אמת'ער עלטערן־ליעבּע בּעזאָרגט, און אין מיינע יוגענד־יאָהרען האָט איהר זיך בּעמיהט מאַכען מיך פאַר אַ אַנשטענדיגען מענשען און אויך אויף דער עלטער זענט איהר מיר תמיד בּייגעשטאַנען אין די גרעסטע לעבּענס־נויטען, נאָר די גוטסקייט, וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען אין לעצטען יאָהר, האָט איבּערגעשטייגט אַלץ, וואָס איהר האָט מיר בּיז אַהער געטהון.

ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי איהר, און וואָס פאַר אַ סכנה מיין גאַנץ פערמעגען איז געשטאַנען מיט אַ האַלבּ יאָהר צוריק? אָבּער קיינער איז ניט אימשטאַנד אַזוי טיעף אָבּשאַצען די בּעדייטונג פון אייער הילף, ווי איך, אייער איבּערגעבּענער און דאַנקבּאַרער זוהן.

מיט אַ האַרצען פול עהרע און ליעבּע צו אייך, ווינש איך אייך אַ גליקליכען יאָהר, אַ כּתיבה וחתימה טובה און אַ גוטע עלטער פול מיט נחת און פריידע. מיין פרוי מיט די קינדער פעראייניגען זייערע וואונשען צו מיינעם...

אייער איבּערגעגעבּענער זוהן...

לִיעבּער זיידע!

מיט פיעל פריידע נעהם איך די פעדער אין האַנד, אייך איבּערצוגעבּען מיין הייסען וואונש צו אייער 78־טען געבּורטס־טאָג: איהר זאָלט נאָך לאַנג לעבּען אין געזונדהייט און פריידען, און דערלעבּען צו פייערען נאָך פיעל, פיעל אַזעלכע טעג. איהר זענט פון תמיד אָן אַ ליעבּער און גוטער זיידע, און נישט איינמאָל האָט איהר אונז עס אַרויסגעוויזען מיט אייער האַרציגער און ליעבּער אויפמערקזאַמקייט. מיר זענען נישט אימשטאַנד אייך אַזוי פיעל גוטס אָבּצוצאָהלען און מוזען זיך בּעגנוגענען מיט אונזער קינדערליכען דאַנק און מיט אונזערע הייסע וואונשען צו אייער שענעם יום־טוב. שרה'לע און לייבּעלע בּעטען איך זאָל אויך זייערע בּרכות אַריינשטעלען אין מיין בּריעף. דער ליעבּער פאָטער האָט נעכטען געזאָגט, אַז אויבּ דאָס וועטער וועט זיין שעהן,

וועט עֶר אונז נעהמען צו אייך, ליעבער זיידעניו, און מיר בעטען אַלע גאָט: עֶר זאָל אונז ניט פֿערשטערען די שמחה און געבען די מעגליכקייט, זיך צו פרעהען מיט אייך און מיט אַלע אייערע קינדער צוזאַמען און דעם טאָג פון אייער שמחה.

זאָל אייך גאָט געבען געזונד און גליק און איהר זאָלט זיך עלטערען צווישען אייערע קינדער און קינדס-קינדער, צו וועלכע עָס געהערט אויך אייער מיט-לייב-און-זעל-איבערגעגעבענער

אייניקעל...

ליעבער ברודער!

דאָס שיקזאַל האָט אונז זייט יאָהרען צושיידט; מיין האַרץ איז נאָך אָבער אַלץ נאָהענט פון דיר, און איך הער ניט אויף צו טרוימען וועגען דער מעגליכקייט דיך ווידער צו זעהן. אויף וויפיעל איך זעה פון דיין בריעף איז דיר די לעצטע צייט ניט שלעכט געגאַנגען — דאָס פֿערשאַפט מיר אַן'אויבע' שרייבליכען פֿערגניגען און איך בעט גאָט, אַז אויך דאָס קומענדיגע יאָהר זאָל דיר געהן כשורה; דו זאָלסט זיין געזונד און דו זאָלסט פרעהליך פֿער-ברייינגען די צייט און דער געזעלשאַפט פון דיינע נייע בעקאַנטע. איך וואָלט דיר ווינשען אויך דאָס: דו זאָלסט זיך מיט גליק אויסבויען אַ הויז און אָברוהען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען אַרבייט און זאָרג.—

אפשר וואָלט מעגליך זיין מיר זאָלען זיך זעהן ווי ס'איז? דו קענסט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען, ווי שטאַרק מיר וואָלט זיך וועלען פֿערברייינגען מיט דיר אַ געוויסע צייט צוזאַמען, ווי אין די גוטע קינדער-יאָהרען.

דיין ברודער, וואָס וואַרט און האָפט...

טייערע, ליעבע שוועסטער!

וואָס איז מיט דיר? שוין באַלד אַ מאָנאַט צייט איז אַריבער, זינט מיר האָבען זיך צושיידט, און דיר פֿאַלט ניט איין אַפילו אַ קאַרטעל אָנצושרייבען דיין שוועסטער, וועלכע הערט ניט אויף צו טראַכטען און צו חלומ'ען וועגען דיר! איך מוז דיר דעם אמת זאָגען: דיין ניט שרייבען נעהמט מיר דאָס געזונד צו — מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דו מראָגסט אויף מיר אַ פֿערדרוס אין האַרצען פֿאַר דעם לעצטען אוינצידענט, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען אונז, און איך וויל ניט, עס זאָל צווישען אונז אַ שאָטען אַרומשוועבען; איך וויל

די האַרציגע, ליעבע פריינדשאַפט נישט פערליערען פון דער, וואָס איז מיר אינענדליך ליעב און טייער!

שרייב, טייערע רחל, וואַס פערדריסט דיך? וואָס האָט דיך בעזונדער אויפגעבראַכט און אַנגעגריפען אין מיינע דאַמאָלדיגע ווערטער? איך בין בערייט אַלץ צו טאָן, אום צוריק דיין האַרץ צו געווינען; אום צוריק, ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטען, צו קענען רעכענען אויף דיין שוועסטערליכער וואַרעמער אויפמערקזאַמקייט.

דיין איבערגעגעבענע...

## אַ זוהן שרייבט זיינע עלטערן וועגען אַ שדוך.

טייערע עלטערן!

די ליעבע, וואָס איהר האָט מיר שטענדיג אַרויסגעוויזען, לעגט אויף מיר אַרויף אַ חוב, אייך צו בעקענען מיט מיינעם אַ שריט, אויף וועלכען עס וועט זיך גרינדען מיין צוקינפטיגעס לעבען.

נעהמענדיג אייער שטילען צוזאַמענגלעבען פאַר אַ ביישפיעל, בין איך שוין לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איינס פון די גרעסטע גליקען, וואָס דאָס לעבען פערמאָגט, איז די פעראייניגונג פון צוויי ליעבענדיגע נשמות. ביז איצט בין איך אָבער געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז עס איז פאַר מיר צו פריה געווען צו זוכען זיך אַ פּאַרטיי. דערצו האָב איך נישט געטראָפען די פערזאָן, וואָס זאָל מיר צושטעהן צום האַרצען.

איצט זענען די ביידע מניעות בעזייטיגט געוואָרען. מיינע פערדינסטען ערלויבען מיר גאַנץ לייכט אויסצוהאַלטען אַ פרוי מיט אַ ווירטשאַפט—דאָס איז ערשטענס; און צווייטענס, האָב איך זיך בעקאַנט מיט אַ מיידעל, וואָס האָט אין זיך יענע אַלע מעלות, וועלכע אַ פעהיגע בעל-הבית'טע און אַ טריירע מוטער דאַרף בעזיצען. זי איז נ.'ס אַ 21-יאָהריגע טאָכטער; זי האָט בעקומען אַ גוטע ערציהונג, איז געוואַהנט צו פערשידענע הויז-אַרבייטען און בעזיצט בכלל די אַלע שענע זיטען און מאַניערען, וועלכע זענען אַ ציערונג פאַר אַ פרוי פון אונזער גראַד. צו דעם אַלעם איז זי בעגאַבט פון דער נאַטור מיט אַ שענעם אויסערליכען אויסזעהן.

איהרע עלטערן האָבען אַ שענעם בערוף, אויך זענען זיי גאַנץ תקיף, אויסצושטאַטען זייער טאָכטער ווי געהעריג איז, און אַז מען וועט דאַרפען, קענען זיי אונז שטיצען מיט געלד אויך אויסער'ן נדן.

איך האָב נאָך ביי איהר די'רוואָהל די האַנד נישט געבעטען; איך בין

אָבער זיכער, אַז איך וועל אויף דעם וועג נישט בעגעגנען קיין שטערונג, נישט פֿון דער זייט פֿון דער טאָכטער, נישט פֿון איהרע עלטערן. און אום דאָס צו טאָן בין איך עס איצט געקומען בעטען אייער בעוויליגונג, אייער ברכה און הסכמה.

איך וועל מיך גליקליך פֿיהלען, ווען איך וועל אייך קענען צופֿיהרען אַ צערטליכע און געהאָרכזאַמע טאָכטער, וואָס וועט פֿיהלען צו אייך דיזעלבינע דאַנקבאַרקייט און דעמזעלבען דרך־ארץ ווי איך.

מיט אונגעדולד וואַרט אויף אייער ענטפֿער

אייער זוהן...

# אַ ידיעה געשיקט שווער און שוויגער, אַז די פֿרוי האָט געבוירען אַ קינד.

ליעבע שוויגער־עלטערן!

מיט אַ פֿרעהליך הארץ נעהם איך די פֿעדער און האַנד, אייך אָנצוזאָגען די פֿרעהליכע בשורה, אַז חנה׳לע איז געלעגען געוואָרען און געבראַכט אויף דער ליכטיגער וועלט אַ שעגעם, געזונטען יונגעלע. דער געפֿעהרליכער פּראָצעס איז, דאַנק גאָט, אַריבער בשלום און חנה׳לע פֿיהלט זיך גאַנץ גוט, אויף וויפֿיעל מען קען זיך בכלל פֿיהלען גוט אין אַזאַ לאַגע. זי איז נאָך דערוואַיל, נאַטירליך, זעהר אָבגעשוואַכט; ווען זי גיט אָבער אַ קוק אויף אונזער קליינעם קדיש׳ל בעקומט זי פֿרישען מוט און פֿיהלט זיך מונטער און גליקליך.

דעם קומענדיגען דינסטאָג דאַרף זיין דער ברית, און איך געפֿין פֿאַר איבעריג אייך צו בעטען קומען — איך בין זיכער, אַז איהר וועט דאָס אַליין גערן טאָן. פֿעדערט זיך וואָס פֿריהער, וועט איהר אונז העלפֿען בעשטימען אַ נאָמען פֿאַר דעם נייעם מיטגליעד פֿון אונזער משפחה. איך האָף צו גאָט, אַז ווען איהר וועט קומען, וועט שוין חנה׳לע זיך פֿיהלען קרעפֿטיגער און אימשטאַנד זיין צו בעזאָרגען דאָס קינד, וואָס דאַרף נאָך איבערקומען נישט גאָר קיין גרינגע אָפּעראַציע.

ערוואַרטענדיג אייך און גיכען צו זעהן צווישען אונז, בלייב איך

אייער טרייער איידים...

# אַ שוועסטער לאָזט וויסען דעם ברודער וועגען דעם טויט פֿון דער מוטער.

ליעבער ברודער!

נישט קיין פֿרעהליכע נייעס קום איך דיר איצט אָנזאָגען. עס זענען שוין אַכט טאָג אַריבער זינט אונזער ליעבע מוטער האָט איהר לעצטען אָטעם. צוג אַרויסגעלאָזען. אונזער האַרציגע, טרייע מוטער, וואָס האָט איהר גאַנצען לעבען זיך מקריב געווען פֿאַר אונזער גליק, איז אַוועק פֿון אונז אויף אייביג.

און מיין פֿאָריגען בריעף האָב איך דיר שוין געשריבען, אַז זינט דעם לעצטען ווינטער איז זי בעדייטענד שוואַכער געוואָרען. און זי האָט אָפֿטער גענומען קרענקען. פֿונדעסטוועגען האָט זי אַלץ נישט געוואָלט זיך אונטערגעבען און פֿלעגט זיך ווי פֿריהער מישען אין דער בעל-הבית'ישקייט, און גאַנצע טעג און נעכט זיך אָבגעבען מיט די אייניקלעך. די קליינע זענען אויך געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דער „באַבען"; און עס רייסט מיר דאָס האַרץ, צוזעהענדיג זייער צער.

מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט זי אָנגעהויבען זיך צו קלאָגען, אַז עס ברעכען איהר די ביינער און עס שווינדעלט איהר אין די אויגען; מיר האָבען זיך קוים איינגעבעטען ביי איהר, זי זאָל לאָזען רופֿען אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט גלייך איינגעזעהען, אַז איהר לאַגע איז אַן ערנסטע, און ער האָט אונז געגעבען וועניג האָפֿנונגען. איהר זענען פֿון יאָהרען און אַלטקייט פּשוט די כחות אויסגעגאַנגען. און די לעצטע טעג פֿון איהר לעבען איז זי נאָך אַלץ געווען ביים קלאָרען רעיון. זי האָט גאַנץ קלאָר פֿערשטאַנען איהר לאַגע, און זי האָט פֿיעל מאָל איבערגע'חזר'ט, אַז אין גיכען וועט זי זוכה זיין זיך צו זעהן אויפֿ'ן עולם-האמת מיט'ן טייערען פֿאָטער עליו השלום, און זי האָט זעהר שטאַרק בעדויערט, וואָס זי וועט נישט קענען האָטש איינמאָל אַ קוק געבען אויף דיר-איהר „מיזיניק". זי פֿלעגט כסדר טענה'ן, אַז דו ביזט ביי איהר דער בעסטער זוהן, אַז פֿון דיר האָט זי מעהר נחת דערלעבט, ווי פֿון די איבעריגע קינדער, און האָט געבעטען דעם אויבערשטען, אַז אויך ווייטער זאָלסטו געהן אין די דרכים פֿון אונזער פֿרומען פֿאָטער.

מיר האָבען דיר נישט געגעבען צו וויסען דעם אמת'ען צושטאַנד, ווייל מיר האָבען געוואוסט, אַז דו קענסט זיך נישט אָברייסען פֿון דיין שטעלע; און ווירקליך: וואָס וואָלסטו געקענט העלפֿען מיט דיין זיין? דערצו זענען מיר יעדע מינוט כמעט געווען זיכער, אַז דו וועסט קומען שוין נאָך אַלעמען.

דיין טרייע שוועסטער רחל.

ליעבע עלטערן!

איך מיין לעצטען בריעף פון מינסק האָב איך אייך געשריבען, אַז איך האָב ביי זיך בעשלאָסען צו פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו מען קען לייכטער קריעגען אַ העכערע שטעלע מיט אַ גרעסערען געהאַלט. ווי אייך איז בעוואוסט, האָב איך שוין צוויי יאָהר געאַרבייט ביי ראָטשטיינען אין געשעפט, און קיין הוספה האָב איך אַליין נישט בעקומען. אַרבייט איז וואָס אַ מאָל אַליין מעהר צוגעקומען, און די שכירות איז געשטאַנען אויף אַנ'אָרט — פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך סך הכל געקענט אָבשפאָרען 50 רובל. מיט אַ מאָנאַט צוריק האָב איך פערלאָזען מינסק און זיך אַוועקגעלאָזען אין וואַרשוי. די ערשטע טעג בין איך געווען זעהר צופריעדען מיט מיין שריט; די גרויסע, רוישיגע שטאָדט האָט מיך אויפגעלעבט און אויפגעמונטערט; די שעגע, רייכע גאַסען, די אַלגעמיינע גרויסע בעוועגונג האָבען מיך איבערראַשט. ערשט ווען עס איז אַריבער די ערשטע היץ און איך האָב זיך זאַט אָנגעקוקט אויף וואַרשוי, האָב איך אָנגעהויבען צו זוכען אַ שטעלע. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קיין גוטס וואַלגערט זיך אין ערגעץ נישט און אַפילו אין וואַרשוי האַפט נישט יעדער איינער דעם גליק. אין איינציגע ערטער בין איך אָנגעקומען און גלייך פערלאָזען די פלעצער. איך בין שוין געוואוינט צו זיין אין אַ געשעפט דער עלטסטער און זיך פיהלען ווי אַ בעל-הבית, און דאָ איז מיר אויסגעקומען צו ווערען אַ משרת ביי משרתים, און דערצו נאָך — ביי גראָבע נפשות. איך האָב זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרעהט ביז איך בין געבליבען אָהן געלד-מיטלען. דאַן האָב איך זיך געמוזט אונטערגעבען; איך בין אָנגעקומען פאַר 35 רובל אַ מאָנאַט אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. די ערשטע צייט איז מיר אַפילו געווען אַ ביסעל שווערליך, נאָר ביסליכווייז האָב איך זיך צוגעוואָהנט צום נייעם אָרט; מיין פרינציפאַל האָט בעקומען צוטרוי צו מיר, און איצט פיהל איך מיך נישט שלעכט. אין גיכען וועל איך וואַהרשיינליך קריגען אַ הוספה. אין צווייטען בריעף וועל איך אייך מעהר שרייבען פון מיין לעבען דאָ אין וואַרשוי. גריסט אַלעמען און מיין נאָמען.

אייער זוהן...

## אַ פאָטער שרייבט צום זוהן, וואָס לעהרענט אין דער פרעמד, צו זיין 18-טען געבורטסטאָג.

ליעבער זוהן!

צו דיין 18-טען געבורטס-טאָג, ליעבער זוהן, וויל איך דיר אַ פאָר ווערטער זאָגען, וועלכע דו ווערסט, ווי כ'האָף, טיעף אריינגעהמען אין זינען.

די ביזט שוין אריבער די קינדער-יאהרען פון דיין לעבען, און עס איז שוין געקומען די צייט, די זאלסט ערענסטער אנהויבען צו קלעהרען וועגען דיין צוקונפט. די ביזט אליין און דער פרעמד און דיין איינגענעם רשות, האסט ביי זיך נישט קיינעם, וואס זאל דיך צומאהל אבהאלטען פון א קרומער זאך, דעריבער געפין איך פאר א פליכט פון מיין זייט דיר צו דערמאהנען: די זאלסט זיך דערוויטערען פון שלעכטע קאמפאניעס, און תמיד זיך האלטען זויבער, ביי אין דיין אויסערליכקייט און ביי אין דיינע געדאנקען, כדי די זאלסט זיך ערווערבען די ליעבע פון גאט און פון לייטען.

זיי שטענדיג פארזיכטיג און געלאסען, בעקלעהר פריהער יעדען ווארט, וואס די רעדסט ארויס, און יעדען שריט, וואס די טהוסט, און אלץ, צו וואס די נעהמסט זיך, לעהרן אויס גרינדליך; בעמיה דיך צו בעגרייפען יעדע זאך ביז איהר יסוד. שטרעב אין יעדער הינזיכט צו פאלקאמענהייט, און צו דער גרעסטער ווי צו דער קלענסטער ארבייט טרעט צו מיט דער זעלביגער ערנסטקייט; ווארום דער, וואס איז נישט אימשטאנד א קלייניגקייט צו בעזארגען, וועט עטוואס גרעסערעס אודאי נישט קענען.

האב דרך ארץ פאר יעדען איינציגען מענשען, ווער עס זאל נישט זיין; פערנעהם יעדען איינעמ'ס עצה, און האלט טייער דעם צווייטענס כבוד – וועט מען דיך אויך רעספעקטירען.

זאלען מיינע רייד דיר נישט קלינגען, מיין ליעבער זוהן, ווי ווערטער פון א מוסר-ספר, דאס זענען זאכען, וואס די וועסט פריהער אדער שפעטער אליין בעגרייפען; איך וויל דיר נאר פערשפארען די מיה אליין צו קריגען און לעבען די ערפאהרונג און דאן געניט ווערען. ווארום וואס שפעטער מ'בעקומט זי, אלץ טייערער איז דער פרייז, וואס מ'בעצאהלט פאר איהר.

איך האב דיך איבערגעלאזען אין די הענד פון גוטע לעהרער, וואס וועלען דיר העלפען אויסבילדען פון זיך אנ'אנשטענדיגען און נוצליכען מענשען; דאס אבער, וואס זיי בויען, קענען שלעכטע חברים צושטערען. אויסער די ווענד פון שול טראגסטו אליין די פעראנטווארטליכקייט פאר אלע דיינע מעשים, טא געדענק-זשע גוט, אז וואס די וועסט איצט פערזייען וועסטו אין דער צוקונפט שניידען; פערגעס נישט דאס אויך, אז נישט וועניג קרבנות קאסטען דיינע עלטערן דיך אויסצוהאלטען אין א גרויסער שטאדט, און אז דער איינציגער דאנק, מיט וועלכען די קענסט זיי בעפרידיגען, איז – דיין גוטע אויפפיהרונג.

די ליעבע מוטער מיט די קינדערלעך גריסען דיך הערצליך. שרייב. טאמער פעהלט דיר עפעס אויס, וועלען מיר דיר צושיקען.

דיין טרייער פאטער...

טייערע, ליעבע מוטער!

נאָר וואָס האָב איך דערהאַלטען דיין בריעף, אויף וועלכען איך האָב מיט אַזאַ ברענענדיגער אונגעדולד געוואַרט. און טרערען, טרערען פֿון שמחה און גליק, האָבען זיך מיר אין די אויגען געשטעלט. ענדליך האָב איך דיך ווידער און אויפֿ'ן גאַנצען לעבען וועסטו שוין בלייבען מיין ליעבע, האַרציגע טייערע מאַמע!...

די קענסט דיר גאָרנישט פֿאָרשטעלען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די לעצטע עטליכע וואָכען. ווי אַ שאָטען פֿלעג איך אַרומגעהן בייטאָג, און שעה'ן לאַנג אָבליעגען ביינאַכט מיט אָפֿענע, רויטע אויגען, נישט קענענדיג איינשלאָפֿען; און טאָמער האָב איך יאָ געפרובט איינשלאָפֿען, פֿלעגען מיר די שרעקליכסטע חלומות פּייניגען די גאַנצע נאַכט און איך פֿלעג מיך אויפֿחאַפּען נישט טויט נישט לעבעדיג מיט אַ פֿערביטערטען געוויין. דער שרעקליכער געדאַנק וועגען דעם, אַז ס'איז מעגליך דו וואָלסט זיך פֿערבינדען מיט אַ „צווייטען מאַן", האָט מיך אפילו איין סעקונדע נישט אויפֿגעהערט צו פּלאָגען, און ווען דו וואָלסט מיט איינע פֿיער שעה צוריק אַ קוק געטאָן אויף דיין אסתר'קע'ן, וואָלסטו זי זיכער נישט דערקענט.

נישט פֿאַר זיך אַליין האָט דאָס האַרץ געוויינט און מיר, האָטש בלייבען עלענד, ווי אַ שטיין, אויף גאָטס גרויסער וועלט — ווילט זיך קיינעם נישט; מיר האָט נישט אויפֿגעהערט צו ענבערען אין קאָפּ די פֿראַגע: וואָס וועט מיט רחל'ען זיין? אָט די יונגינקע, אונשולדיגע נשמה'לע, וואָס לאָזט נאָך ביז היינטיגען טאָג דעם „פּאַפּאַ'ס" נאָמען פֿון מויל נישט אַרויס, — ווי וועט זי עס קענען איבערטראָגען די געגענוואַרט פֿון אַ פֿרעמדען מאַנספּערשוין, פֿון אַ פֿרעמדען טאַטען?

איך שרייב דיר איצט, טייערע, דאָס אַלץ „שוין אין נחת", ווייל פֿון היינט אָן וועט שוין קיינער, קיינער נישט אומשטאַנד זיין מיך איינצורעדען, אַז דו וועסט אַזעלכעס טאָן, און אויב איינינגע שטעלען אין מיין פֿריהערדיגען בריעף האָבען דיך, ווי דו דריקסט זיך אויס, „טיעף בעליידיגט", בעט איך דיר מיט הייסע טרערען אין די אויגען: ענטשולדיג! פֿערגיעב דיין עלענדער טאָכטער, וואָס איהר אונבעגרענצטע ליעבע צו דיר און די שרעק: טאָמער פֿערליערט זי דיר אויף אייביג, — האָבען אַרויסגעריסען פֿון איהר פֿעדער עטליכע צו־שטאַרקע, צו־האַרבע ווערטער! און אַ מינוט ווען דאָס האַרץ איז אינגאַנצען מיט בלוט פֿערגאָסען און דו ווייסט נישט וואָס עס קאָכט דאָרט שטאַרקער: דער וועהטאָג, דער צאָרן, צי די פֿערצווייפֿלונג, — רייסען זיך די ווערטער אַרויס אָהן אַ שום קאָנטראָל, און פֿאַר אַזעלכע ווערטער קען מען קיינעם נישט בעשולדיגען.

אִיצט, נאָך דײַן בּרִיעף, אִיז דֶער פִינסטֶערֶער שאָטֶען, וואָס האָט אַרוּמגֶעשוועבּט צווִישֶען אוּנז אִין דֶער לֶעצטֶער צײַט, אִינגאַנצֶען פֶערשוואוּנדֶען געוואָרֶען, אוּן פִיהלֶענדִיג זִיך פאַר דֶער גלִיקלִיכסטֶער אוּנטֶער מֶענשֶׁען, בּלײַבּ אִיך ווִידֶער ווִי אַ מאָל דײַן מִיט'ן גאַנצֶען האַרצֶען אִיבּעֶרגֶעגֶעבֶּענֶע

אסתר

## אַ וואָרֶענוּנג פוּן אַ מוּטֶער צוּ אַ טאָכטֶער, וואָס דִיעֶנט בּײַ לײַטֶען.

לִיעבֶּע טאָכטֶער!

ווֶען דוּ בִּיזט מִיט צווײַ מאָנאַטֶען צוּרִיק אָנגֶעקוּמֶען צוּ דִי פרִיעדבּעֶרג'ס אִין הויז, בִּיזטוּ גֶעוועֶן זֶעהר צוּפרִיעדֶען, וואָס דוּ האָסט בּעֶקוּמֶען אַ שטֶעלֶע מִיט אַ גרויסֶען גֶעהאַלט. אִיך האָבּ זִיך דאַן צוּזאַמֶען מִיט דִיר גֶעפרֶעהט ווײַל בּײַ הײַנטִיגֶע צײַטֶען, ווֶען אַלֶץ קאָסט אַזוֹי טײַעֶר, אִיז פּשוּט אַ גלִיק, ווֶען עֶס פאַלֶען אַרײַן אַ פאָר רוּבּל אַ מאָנאַט מֶעהר. אִיך האָבּ אָבֶּער נִישט פֶערגֶעסֶען דִיר צוּ דֶערמאָהנֶען, אַז דֶער, וואָס צאָהלט מֶעהר גֶעלט, ווִיל נאָך מֶעהר אַרבּײַט אוּן דוּ זאָלסט דִיך בּעֶקלֶעהרֶען, אֶפשר ווֶעט עֶס זײַן צוּ אָנגֶעשטרֶענגֶענד פאַר דִיר. דוּ האָסט דאַן גֶעעֶנטפֶערט מִיט שפּאַס, אַז דוּ וואָלסט נאָך גֶעקֶענט בּעֶטרֶעטֶען אַ שווֶערֶערֶען פּאָסטֶען. וואוּנדֶערט דֶערִיבּעֶר מִיך אִיצט נאָך מֶעהר, ווִיאָס דוּ האָסט פּלוּצִים אָנגֶעהויבֶּען זִיך צוּ בּעֶקלאָגֶען אוֹיף דײַן שטֶעלֶע.

מִיט אַ גֶעבּראָכֶענֶעם גֶעמִיטה פוּן אַ מוּטֶער, וואָס דאַרף צוּזֶעהן, ווִי אִיהר טאָכטֶער וואַלגֶערט זִיך בּײַ לײַטֶען, ווֶעל אִיך דאָ דִיר זאָגֶען אַ פאָר ווֶערטֶער נִישט ווײַל מִיר ווִילט זִיך גִיכֶער דִיך בּעֶשוּלדִיגֶען, אֵײדֶער דֶער מאַדאַם פרִיעדבּעֶרג, נאָר מאַקֶע דֶערפאַר, וואָס אִיך בִּין דײַן מאַמֶע.

דוּ קלאָגסט זִיך, אַז דִי מאַדאַם פ. רעֶדט קײנמאָל נִישט רוּהִיג אוּן גֶעלאַסֶען, נוּר זִי שטוּרֶעמט אוּן לִיאַרֶעמט. בּעֶט אִיך דִיר, מײַן טאָכטֶער, זאָלסט אַ ווײַלֶע אַ טראַכט טהוּן, טאָמֶער בִּיזטוּ אַלײן שוּלדִיג אִין דֶעם, וואָס זִי אִיז אַזוֹי אויפגֶערֶעגט אוֹיף דִיר? טהוּסט דוּ אַמאָל נִישט אִיהר צוּווִידֶער? בּעֶזאָרגסט דֶען שטֶענדִיג אַלֶץ, וואָס זִי הײסט דִיר טהוּן? גֶעהסטוּ אַמאָל נִישט אַוועֶק פוּן הויז אוּן דוּ זוֹימסט זִיך צוּ לאַנג אִין גאַס, אָדֶער פֶערְרעֶדסט זִיך בּײַ דײַנֶער אַ פרײַנדִין?

בּײַ מײדלאַך פוּן דײַנֶע יאָהרֶען זֶענֶען דאָס אַלֶץ קלײנִיגקײטֶען. אִיהר זֶענט תמיד בּעֶרײט אַלֶע חטאים אַרויפצוּוואַרפֶען אוֹיף יֶענֶעם אוּן זִיך צוּ בּעֶטראַכטֶען פאַר גאָט דִי נשמה שוּלדִיג. אוּן דֶער אמת'ען אָבֶּער דאַרף מֶען שטֶענדִיג גֶעדֶענקֶען, אַז אַ גוּטֶען, טִיכטִיגֶען מֶענשֶׁען שֶעצט יֶעדֶער אײנֶער, אוּן

אז פאר אומזיסט טשעפעט זיך קיינער נישט. דעריבער ראט איך דיר, דו זאלסט ניט האפען און אוועקווארפען אזוי שנעל דיין איצטיגע שטעלע – ווער ווייסט צו דו וועסט קריגען א בעסערע. דו דארפסט, טאכטער, דאס אויך וויסען, אז קיין גוטע שטעלעס זענען גאר אויף דער וועלט נישטא; יעדער איינער וויל, אז מען זאל ארבייטען, זיין אונטערטעניג און נאך ארויסווייזען א פרעהליכע מינע.

איך האף, אז דו וועסט אננעהמען מיינע ראד און טהון, ווי איך הייס דיר. דו דארפסט אליין פערשטעהן, אז איך גיעב דיר די עצה נאר אלס גוטער פריינד, און דיינער א שונא וואלט עס דיר קיינמאל נישט געזאגט. א פרעמדער, ווען ער זעהט, ווי איטיצער טהוט קרום, שטעהט ער אן א זייט און לאכט.

איך בעט דיר, מיין ליעבע טאכטער, זיי נישט בעז אויף מיר און לאז מיר גלייך וויסען, וואס עס הערט זיך ביי דיר.

דיין טרייע מוטער...

## א ברודער ווארענט זיין שוועסטער פון נישט קיין פאסענדער בעקאנטשאפט.

טייערע שוועסטער!

דיין בריעף האט מיך איבערצייגט און דעם, וואס איך האב שוין זייט איינגע וואכען פון פערשיעדענע פערזאנען געהערט. איך האב די גאנצע צייט קיין אכט אויף דעם נישט געלעגט, ווייל איך האב דאס אנגענומען פאר איינעם פון די צעהנדליגע לויגענס, וואס ווערען פערשפרייט דורך פאלשע צונגער. איז'ס, הייסט עס, ווארר, אז דו האסט אנגעהויבען געשעפטען צו האבען מיט דעם יונגען טייטעלבוים? דאס האב איך נישט ערווארט פון מיין בראווער, ערנסטער און פערשטאנדיגער שוועסטער.

איך וויל דיר דא קיין פארוואורף נישט מאכען דערפאר, וואס דער דאזיגער יונגער מאן האט אויף דיר אזוי שנעל געמאכט אזא טיעפען איינדרוק; ער איז ווירקליך א שענער יונגער מאן, וואס רעדט זעהר אנציהענד און האלט זיך עלעגאנט און העפליך אין דער בעציהונג צו פרויען. אויך וועל איך נישט זאגען, אז דער יונגער מאן האט וועלכע עס איז שלעכטע כונה און ער מיינט נישט ערנסט מיט זיין ליעבע, – ביי איהם אין הארצען אריינקוקען קען איך נישט. אויסער דעם ווייס איך גאנץ גוט דיינע מעלות מיט דיין בעצויבערנדען אויסזעהן, און עס וואונדערט מיך נישט, וואס דו האסט אבגעהאלטען א נייעם נצחון איבער א הארץ פון א יונגען מענשען. בעקלעהר דיך אבער, בערטע, וואס

וועט אַרויסקומען דערפון? דער יונגער טייטעלבוים איז אַ בן-יחיד ביי אַ רייכען פאָטער, וואָס קוקט אויף יעדען נישט-רייכען, ווי אויף אַ אונווירדיגע בעשע-פעניש. מאַקס איז נאָר אויף אַ קליינער צייט אָנגעקומען צו אייך אין קאָנטאָר, צו פּראַקטיצירען זיך אין געשעפטס-פערוואַלטונג, דאַן וועט איהם זיין פאָטער איבערגעבען אויף זיין אַחריות איינע פון זיינע גרויסע פאַבריקען. עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דער אַלטער האָט שוין אויסגעקליבען פאַר זיין זוהן אַ „כלה מיט מעלות", אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַ כלה, וואָס דאַרף בעקומען אַ רייכע ירושה. קענסטו זיך דען פאָרשטעלען, אַז אָט דער אַלטער קמצן וועט ערלויבען זיין זוהן, חתונה צו האָבען מיט אַ מעדעל, וואָס האָט קיין נדן נישט, און דיענט אין אַ געשעפט? אויב דו דענקסט אַזוי, האָסטו אַ ביטערען טעות. און אפשר גלויבסטו אַזוי שטאַרק אין מאַקס'ס ליעבע? אפשר גלויבסטו, אַז ער וועט צוליעב דיר זיך צוקריגען מיט זיין פאָטער און צושטערען זיין גלענצענדע קאַריערע? ווי ווייט איך קאָן אין דעם פאָטער אין דעם זוהן, וועט דאָס קיינמאָל נישט געשעהן. ער איז ערצויגען געוואָרען אין וואָהלטאָג און רחבות, און אַזוי שנעל, ווי ער וועט נאָר דאַרפען זיך פון דעם אָבזאָגען, וועט ער גלייך אָבטרייסלען פון זיך זיין לייכטזיניגע ליעבע. אָט די אַלע אויסרעכנונגען בעאונרוהיגען מיך זעהר, און איך בעט דיך, ליעבע שוועסטער, דו זאָלסט דיך בעצייטענס גוט בעקלערען און זיך אָבהאַלטען פון אַ פאַלשען שריט. האַלט טייער דיין שענעם נאָמען און דערמאָהן זיך אָן די שמערצען פון די עלטערן, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז דו האָסט געהאַט צו טהון מיט טייטעלבוים'ס זוהנעלע.

זאָלען מיינע ווערטער געפינען אַן אָבקלאַנג אין דיין האַרצען און די זאָלסט זיי אויפנעהמען ווי אַן עצה פון אַ געטרייען ברודער, וואָס קען נישט בלייבען שטום, ווען ער זעהט, אַז זיין אונערפאַהרענע שוועסטער געהט אויף אַ גליטשיגען וועג.

דיין ברודער, וואָס איז זיכער אין דיין איבערלעגונג...

## אַן עלטערער ברודער רעדט אָב זיין יונגערען ברודער פון אַ שרוך טהון.

ליעבער ברודער!

די ידיעה, אַז דו קלייבסט זיך אין גיכען חתונה צו האָבען, איז מיר אָנגעקומען אונערוואַרטעט. דו האָסט דערגרייכט יענע עלטער, ווען עס איז זעהר

גלייך צו טהון אַ שדוך, און מיר וואָלט זעהר געפֿרעהט דיך צו זעהן אַלס גליקליכען פֿאַמיליען-מאַן. ספּעציעל אָבער און דעם גליק פֿון דיין איצטיגען שריט בין איך שטאַרק מסופּק. מיר זעהט אויס גאַנץ נאַטירליך, וואָס די שרייבסט מיט אַזאַ בעגייסטערונג וועגען דיין כלה; איך בין געניגט זאָגאר צו גלויבען, אַז זי איז ווירקליך אַזאַ אויסנאַהם, אַזאַ שענע נשמה, ווי די שטעלסט זיך איהר פֿאָר, און אַז זי איז אימשטאַנד דיך גליקליך צו מאַכען — איך האָב אַמאָל אויך אַזוי געפֿיהלט און גערעדט און בין אויך אין מיין צייט גערעכט געווען. איך האַלט מיט דיר, אַז די ליעבע מאַכט שענער אונזער לעבען און אַז אַ לעבען אָהן ליעבע האָט קיין שום ווערטה ניכט. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז לעבען בלויז מיט ליעבע קען מען ניכט. עס גיבען נאָך פֿיעלע אַנדערע זאַכען, אָהן וועלכע אַ גליקליך פֿאַמיליען-לעבען איז אונמעגליך. די שרייבסט, אַז דאָס מיידעל האָט קיין שום פֿערמעגען ניכט. נאָר זי איז אַ פֿליסיגע און אַ שפּאָרזאַמע. דאָס זענען צוויי גרויסע מעלות; די דאַרפֿסט אָבער געדענקען, אַז מיר זענען אויך אָרימע קינדער, און אַז אַ הויז-ווירטשאַפֿט קען מען זיך ניכט שאַפֿען, לפּחות, אָהן אַ פּאָר הונדערט רובל.

אַ פֿאַמיליען-לעבען, וואָס הויבט זיך אָן מיט נויט, קען זיך מיט גוטען ניכט ענדיגען, און דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „צוויי מתים געהען ניכט טאַנצען", איז דיר אויך מסתמא אַזוי גוט בעקאַנט, ווי מיר.

וואָלסטו מיר וועלען, ווי אַ גוטען פֿריינד, פֿאָלגען, וואָלט איך דיר געראָטען: האַלט זיך אָב אַ פּאָר יאָהר מיט דער התונה. פֿאַר דער צייט קענט איהר ביידע אַ סך אָבשפּאָרען — דאָס איז ערשטענס; און צווייטענס, האָסט זיך, ביי אַזאַ קורצער בעקאַנטשאַפֿט, גאַנץ לייכט געקענט טועה זיין. אינ'ם פֿערלויף פֿון אַ פּאָר יאָהר וועסטו האָבען די מעגליכקייט זיך צו איבערצייגען אין דעם, צי דיין ערשטער איינדריק איז געווען דער ריכטיגער און צי דיין געפֿיהל צו איהר איז ניכט געווען בלויז אַ צייטווייליגעס.

איידער מען געהט מאַכען אַזאַ שריט דאַרף מען זיך גוט בעקלעהרען, וואָרום גאַנץ אָפֿט טרעפֿט אין אַזעלכע פֿעלען, אַז מען מאַכט זיך אויפֿ'ן גאַנצען לעבען אומגליקליך. ביישפּיעלען זענען דאָ, נאָך מיין מיינונג, גאַנץ איבעריג, נאָר טאָמער ווילסטו זיי דורכאויס האָבען, וועט פֿאַר דיר גענוג זיין דוד סאַפּירשטיין. זיין פֿייערדיגע ליעבע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אָרימען, אומגליקליכען פֿאַמיליען-לעבען.

זיי פֿאָרזיכטיג, ליעבער ברודער, און טראַכט זיך אַריין אין מיינע רייד, וואָס זענען געזאָגט געוואָרען מיט דער ריינסטער, ברודערליכער כונה.

דיין איבערגעגעבענער...

# פריינדשאפטס־בריעף.

טייערער פריינד!

איך בין דער גליקליכסטער מענש, וואס די וועלט פערמאגט! דו ווייסט שוין מסתמא, אז איך האב בעקומען דעם פאסטען פון א הויפט-פערוואלטער איבער וו—ם געשעפט; דאס אבער ווייסטו זיכער נישט, אז איך בין מיך נאהענט צוזאמענגעקומען מיט א מעדעל און וועל אין ניבען חתונה האבען, בעקאנט האב איך מיך מיט מיין ראזא'ן גאנץ צופעליג, און ווען איך וואלט נישט מורא האבען פאר דיין געלעכטער, וואלט איך דיר אויסגעזאגט דעם אמת, אז דאס אונערווארטעטע גליק האט מיך פער'שכור'ט און איך פיהל מיך רייכטיג, ווי ווען די הימלען וואלטען מיט מיר טאנצען. — אונזער חתונה וועט פארקימען אין 15 טאג ארום און איך פערלאנג פון דיר, אינ'ם נאמען פון אונזער לאנג-יעהריגער פריינדשאפט, דו זאלסט אונבעדינגט קומען, און אין דעם שענסטען טאג פון מיין לעבען זיך פרעהען מיט מיר צוזאמען. קיינע ענטשול־דיגונגען וועלען דא נישט גילטען. אלץ איז צוגעגרייט פאר דיין אויפנאהמע.

דיין...

פיעלגעעהרטער העֶר און פריינד!

אייער הערצליכע און ווארעמע בעגריסונג צו דעם פאקט פון מיינע תנאים, גיט מיר דעם מוט צו האפען, אז איך וועט נישט אונאנגענעהם זיין זיך צו בעטייליגען אויך אין דער פייערונג פון מיין חתונה, און איך אייל מיך אייך מודיע צו זיין, אז זי וועט פארקומען דעם 16-טען פון דעם מאנאט. ד. ה. אין 12 טאג ארום.

איך בין איבערצייגט אין דער אויפריכטיגקייט פון אייער פריינדשאפט און גלויב, אז איהר וועט נישט וועלען פערדונקלען מיט אייער אבוועזענהייט די שמחה פון אייער איבערגעגעבענעם, היימען פריינד. עס בעטען אייך קומען, אויסער מיר, אויך מיין כלה און איהרע עלטערן, און אלע ערווארטען מיר אייך

מיט אייער געשעצטער פרוי און דאָס גאַנצע הויז-געזינד. צו דעם אַלעמען קען איך אייך נאָך אויך דאָס פערזיכערן, אַז די געזעלשאַפט וועט זיין אַ געקליבענע און אונטערעסאַנטע, און פערשאַפענדיג מיר אַ אמת'ן פערגעניגען, וועט איהר אַליין און דער זעלביגער צייט זיך אויך גאַנץ גוט ווייַלען און אונטערהאַלטען.

אייער...

פיעלגעליעבטע פריינדין!

איך בין אויפ'ן זיעבענטען הימעל! ענדליך קומט אָן די צייט, ווען איך וועל זיך אויפ'ן גאַנצען לעבען פערבינדען מיט דעם, וואָס איז מיר ליעב און טייער, מיט דעם, וואָס איך גאַר איהם צו זעהען ביי טאָג און טרוים וועגען איהם ביי נאַכט. עס פעהלען מיר ווערטער דיר איבערצוגעבען די געפיהלען, וואָס רוישען אין מיר פאַר פרייד.

קום צו מיר, טייערע רחל, און נעהם אַנ'אַנטהייל אין מיין שמחה. איך וויל דורכאויס, אַז מיין בעסטע יוגענד-פריינדין זאָל זיין מיט מיר צוזאַמען אין יענעם טאָג.

עס ערוואַרט דיך מיט אָפענע אָרעמס

דיין טרייע פריינדין ז. ז.

פיעלגעעהרטער הער משה בלומענטאַל!

די אויפמערקזאַמקייט, וואָס איהר האָט מיר תמיד געשענקט, גיט מיר דעם מוט אייך מיטצוטיילען דאָס נייעס וועגען דעם וויכטיגען שריט, וואָס איך מאַך איצט. איך האָב התנוגה, מיין כלה איז די טאָכטער פון דעם בעוואוסטען מאַנופאַקטור-קרעמער ראָחקין. איך גלויב, אַז אייך איז גאַנץ גוט בעקאַנט די דאָזיגע פאַמיליע און האָף, אַז איך וועל האָבען די עהרע אייך צו זעהען צווישען די געסט אויף מיין חתונה. מיינע און מיין כלה'ס עלטערן פערזאַמלען זיך און ד'גר בקשה צו אייך, איהר זאָלט קומען צוזאַמען מיט אייער הויז-געזינד.

אַכטונגספאָל

אייער ב. ב.

טייערער געליעבטער פֿרײַנד!

דער מנהג פֿון שיקען גליק-ווינשונגען צום געבורטס-טאָג איז שוין אַזוי פֿאַרעלטערט און אַזוי באַנאַל געוואָרען, אַז ניט וועלענדיג, הס-ושלום, פּוגע זײַן דעם כּבוד פֿון די צעהנדליגער ברכות, וואָס איהר וועט הײַנט בעקומען פֿון די פֿערשידענסטע פֿרײַנד און בעקאַנטע, פֿיהל איך מיך דאָך געצוואונגען אויס-צו'פֿועל'ן בײַ אײַך אַ בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקײַט פֿאַר די הערצליכע געפֿיהלען, מיט וועלכע מײַן בעגריסונג איז דורכגעדרונגען. צופֿיעל גרויסמוט און פֿרײַנד-ליכקײַט האָט איהר מיר אַרויסגעוויזען אין דעם פֿערלויף פֿון אַ גאַנצער רייהע יאָהרען, אום איך זאָל קענען גלײַכגילטיג בלײַבען צו אײַך און צו אײַערע ליעבע בני-בית; און אויב איהר וועט לייענען אין מײַן בעגריסונג נישט בלויז די שורות, נאָר אויך דאָס, וואָס עס פֿיהלט זיך אין איהר צווישען די שורות, וועט איהר, ווי כ'האָף, אַליין זיך איבערצײַגען אין דער אויפֿריכטיגער, האַרציגער וואַרעמקײַט פֿון יעדען וואָרט, פֿון יעדען אויסדרוק.

זאָל אײַך דער באַרמהערציגער פֿאָטער שענקען געזונד, נחת, צופֿרי-דענהײַט, אַ הײַטערע, גליקליכע עלטער; זאָל דער שענער הימעל פֿון אײַער לעבען מיט קיין פֿינסטערן וואָלקען נישט פֿערדונקעלט ווערען, און איהר זאָלט נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פֿערברענגען אין דעם קרײַז פֿון אײַערע נאָהנטע און ליעבע פֿרײַנד, וואָס דער אָנדענקען פֿון אײַער פֿרײַנדשאַפֿט וועט זיי שטענדיג לײַכטען און וואַרעמען.

אײַער איבערגעגעבענער...

## צו אַ פֿרײַנדין.

געעהרטע פֿרײַנדין!

שוין לאַנג האָב איך געוואַרט אויף דעם צופֿאַל, וואָס זאָל מיר געבען די מעגליכקײַט אײַך אויסצודריקען מײַן טיעפֿע אַכטונג און מײַן הייסען, הערצליכען גליק-וואונש.

מײַנע ווערטער וועלען זײַן געצעהלטע, ווײַל דאָס אמת'ע געפֿיהל נויטיגט זיך נישט אין זיי, און ווײַל איך בין איבערצײַגט אין דעם, אַז איהר צווייפֿעלט נישט אין מײַן אויפֿריכטיגקײַט און פֿרײַנדשאַפֿט. אויב איך וויניש אײַך הײַנט צוזאַמען מיט אַלע גליק און פֿרייד. איז עס אײגענטליך נאָר דער שוואַכער אויסדרוק פֿון דעם, וואָס איך פֿיהל צו אײַך שטענדיג.

אַלס צייכען נעהמט אָן דעם פּרעזענט, וואָס איך שיק אייך צו; דאָס זעט אייך אָפּט דערמאָנען אָן דעם, וועלכער ווען אייך קיינמאל נישט פערגעסען.

אייער בעשטענדיגער...

## צו אַן'אַמאָליגען לעהרער.

זעהר געעהרטער הער!...

ערלויבט מיר אייך אויסדריקען מיין פרייד, וואָס גאָט האָט אייך געשענקט געזונד און לעבען און בעפרייט פון דער שווערער קראַנקהייט. איהר האָט מיר אונענדליך פיעל גוט'ס בעוויזען; איהר האָט טריי און עהרליך ערפילט אייער חוב, צו מאַכען פון מיר אַנ'אָנשטענדיגען מענשען; איהר האָט קיין מיה נישט געקאַרגט, צו פערגרעסערען מיינע קענטנישען, מיך צו פעראינטערעסירען מיט אַלץ, וואָס איז נוצליך פאַר אַ גוט־ערצויגענעם מענשען און איינצופלאַנצען אין מיר דאָס געפיהל פאַר אַלעס ריינעם און מענשליכעם; איהר האָט מיך פאַר אַ מענשען און פאַר אַ אידען געמאַכט און נאָך גאָט און מיינע עלטערן, האָב איך אייך צו פערדאַנקען פאַר דאָס, וואָס איך בין איצט. דעריבער ווינש איך אייך צוזאַמען מיט די צעהנדליגע אַנדערע יונגע לייט, וואָס האָבען געהאַט דאָס גליק, צו האָבען אייך פאַר אַ לעהרער, איהר זאָלט נאָך לאַנגע יאָהרען זיך פיהלען געזונד און קרעפטיג און אויך ווייטער פאָרטזעצען אייער גרויסע שענע טעטיגקייט, לטובה פון דעם מענשליכען פראָגרעס און פאַר די נוצען פון אונזער פאָלק, וואָס איז אַזוי אָרים און אינטעליגענטע, קולטורעלע כחות.

אייער פערעהרער...

## צו אַ אַפּוטרופּס.

פיעלגעעהרטער הער!

איהר האָט מיר אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר אַזויפיעל מאָל בעוויזען, ווי ווייט איהר זענט איבערגעגעבען מיר און מיינע אינטערעסען, אַז איך וואָלט מיט קיין זאַך נישט געקענט בערוהיגען מיין געוויסען, נישט האָבענדיג אויסגעדריקט אייך צום נייעם יאָהר מיין טיעפסטע דאַנקבאַרקייט. דאָס זענען ווערטער, וואָס קומען פון טיעפען האַרצען, און מיט דער פריינדליכסטער אויפריכטיגקייט

פֿערזיכער איך אייך, אַז איהר זענט ביי מיר פֿערר‏עכענט פֿאַר'ן איינציגען פֿריינד, וואָס זאָרגט פֿאַר מיר, ווי אַ פֿאָטער, וואָס שטעהט אויף דער וואַך אָבצוהיטען מיין פֿערמעגען און בעמיהט זיך צו מאַכען פֿון מיר אַ נוצליכען מענשען און אַ עהרליכען זוהן פֿון אונזער פֿאָלק.

צום בעדויערן, מוז איך אייך נאָך דערוויילע דאַנקען בלויז מיט ווערטער; עס וועט אָבער קומען די צייט פֿון שניידען דאָס, וואָס איהר האָט פֿערזייהט, און דאַן וועל איך אייך פֿאַקטיש בעווייזען, אַז נישט אומזיסט האָט איהר אַזוי פֿיעל געטהון פֿון מיינטוועגען. מיין לעהרער איז מיט מיר צופֿריעדען, און דאָס גיט מיר צו מוט זיך נאָך מעהר צו פֿלייסען.

זאָל אייך גאָט שיקען געזונד און לעבען, און איך זאָל נאָך נישט איינמאָל קענען אויסדריקען אייך מיין דאַנקבאַרקייט מיט וואָרט און טהאַט.

אייער געהאָרזאַמער...

## צו אַ בעל־טובה.

פֿיעלגעשעצטער הערר!

די פֿיעלע טובות און חסדים, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהון אין דעם לעצטען יאָהר זייט מיין קראַנק האָט מיך צוגעשמידט צום בעט, לעגען אויף מיר אַרויף אַ חוב, אייך אויסצודריקען צום נייעם יאָהר מיין דאַנקבאַרקייט און מיינע הייסע ברכות. איין גרויסעס, הייסעס געפֿיהל פֿילט אָן מיין האַרץ, — אַ געפֿיהל פֿון איבערגעבענהייט צו דעם מענשען, וואָס האָט מיר אַזוי פֿיעל גרויסמוט און זאָרג אַרויסגעוויזען. זאָל אייך דער אויבערשטער אומקעהרען כפֿל כפֿלים און געבען אַלץ, וואָס קען נאָר אייער לעבען פֿערלענגערן און פֿערשענערן.

דאָס איז מיין הערצליכע ברכה צום נייעם יאָהר אייך און אייערע קינדער.

אייער איבערגעגעבענער...

ליעבער פֿריינד!

דעם בעסטען דאַנק אייך פֿאַר אייער הערציגער בעגריסונג! אייער הייסע דאַנקבאַרקייט האָט מיך טיעף געריהרט. וואָרום וואָס נאָך קען אונז

אַזוי אויסמונטערן בײַ אַן גליק, בײַ אַן אונגליק, ווי די איבערגעבענקײַט פון די יעניגע, וואָס מיר ליעבען און אַכטען? אויף וויעפיל אײַער פרײַנדשאַפט איז מיר טײַער ווײַסט איהר אַליין; און גלױבען אָבער קלײַב איך טיך אײַך דאָס צו בעווײַזען בפועל. איך האָב בײַ זיך בעשלאָסען אָבצושטאַטען אײַך אַ וויזיט אַזוי שנעל, ווי איך וועל נאָר פרײַער ווערן פון מײַנע געשעפטען. דאָס וועט פאַר מיר אַ גרויסער יום־טוב זײַן! נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט פון צישיידונג, וועלען מיר זיך ענדליך קענען זעהן, און אײַנער דעם אַנדערען אויסדערצעהלען, וואָס מיר האָבען אין דער צײַט איבערגעלעבט.

בלײַבט געזונד און איך וואַרען אײַך: איהר זאָלט נישט איבערראַשט ווערן, ווען איהר וועט פלוצלינג פאַר זיך דערזעהן אײַער

אַלטען פרײַנד...

ליעבער, שלעכטער דוד!

געכטען איז בײַ מיר געוועזען אונזער פרײַנד ז., און רעדענדיג מיט איהם וועגען דיר, האָב איך מיך פון איהם צופעליג דערוואוסט. אַז דו קלײַבסט זיך צו פערבינדען מיט דײַן בעקאַנטער ד., וועלכע געפינט זיך היינט מיט דיר צוזאַמען אין ט.—זאָל דאָס אמת זײַן? אויב יאָ—ווינש איך דיר מיט׳ן גאַנצען האַרצען: מזל טוב! צו דער זאַך האָט עס אָבער גאַרנישט אין אַ... בלײַבסטו פון דעסטוועגען פאַרט, ווי שרײַבט מען עס נישט אַפילו. איין וואָרט? און וואָס צו שרײַבען האָסטו דאָך געהאַט!

מעהר וועל איך דיר איצט נישט שרײַבען—איך וועל זעהען, צו דיר וועט אײַנפאַלען תשובה צו טהון.

דײַן...

# אַ בעגריסונג צו אַ חבר, וואָס האָט בעקומען אַ העכערע שטעלע.

געשעצטער פרײַנד!

פון פינקעלשטיין׳ס בריעף האָב איך ערפאַהרען, אַז ענדליך איז אײַך געלונגען דאָס, וועגען וואָס איהר האָט שוין געטרוימט זײַט אַ לאַנגער צײַט. נעמליך, איהר האָט בעקומען אַ פערוואַלטער־פּאָסטען אין אַ גרויסער פאַבריק אין לאָדז, מיך פרעהט זעהר אײַער ערפאָלג. ווײַל אויסער דעם, וואָס אויף

דער נייער שטעלע וועט איהר בעקומען א דאָפּעלטען געהאַלט, וועט איהר נאָך דערצו זיין אין א גרויסער שטאָדט מיט גרעסערע און טיעפערע געזעלשאַפטליכע אינטערעסען. ווער קען נאָך אַזוי ווי איך פיהלען ווי שלעכט עס ווירקט אויף אַ אינטעליגענטען מענשען דאָס לעבען אין דער פּראָווינץ, וואו אַלץ איז טויט, קליינליך און לאַנגוויילינג? איצט קומט איהר טאַקע אַרויס מאפלה לאורה. איך בעדויער נאָר די פּאָר חברות, וואָס געפינען זיך ביי אונז אין שטעדטעל, וועלכע איהר אַליין, כמעט, האָט אויסגעהאַלטען אויף אייערע פּלייצעס. אין אַ קליין שטעדטעל, ווען עס פאָהרט אַוועק אַזאַ ענערגישער עסקן ווי איהר, זעהט זיך דאָס שטאַרק אָן. איהר האָט אָבער אַנדערש נישט געטאָרט און נישט געקענט האַנדלען. צום שלום וואונש איך אייך גליק און בעט גאָט, איהר זאָלט דאָרטען שטייגען און ווירקליך פערנעהמען דעם פּלאַץ, וואָס איהר דאַרפט פערנעהמען לויט אייער בילדונג און לויט אייערע פיעל אַנדערע פּערזענליכע מעלות.

אייער פריינד...

# אַנ׳איינלאַדונג אויף אַ דאַטשע.

טייערער פריינד!

מיט צוויי וואָכען צוריק האָב איך פערלאָזען וואַרשוי מיט איהר טומעל, מיט איהרע גרויסע מויערן, קאַרעטען און טראַמוואַיען אויף די גאַסען און בין אַרויסגעפאָהרען אויף אַ דאַטשע צו חאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט און דעם גענעלט פון דער פרייער נאַטור. און ווירקליך: ווי שען איז די נאַטור אין איהרע פריהלינגס-קליידער! די וועלדער און פעלדער זענען בעדעקט מיט גרינס; די לאָנקעס זענען אויסגעשפּרייט ווי טעפּיכען, בעשאָטען מיט בלומען; שטילע ווינטען צוטראָגען דעם געשמאַקען ריח פון די פריהלינגס-בלומען איבער די בערג און טאָלען. פויגעלאַך צווישערן צווישען די צווייגען פון די בוימער — דאָ איז דאָס לעבען פיעל שענער, ווי אין שטאָדט! קומענדיג פון דער שמוציגער שטאָדט אַהער, און די פרייע פעלדער, פיהלט מען זיך ריכטיג, ווי מען וואָלט אַ טויזענד-פודיגע משא פון די פּלייצעס אַרונטערגעוואָרפען.

און אָט, ווען איך האָב אין די לעצטע טעג אַרומגעוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, אַרויפגעשטיגען אויף בערג און אומגעלאָפען צווישען שאָטענדיגע טאָלען, האָב איך מיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן וואַרשוי, וואו דו, מיין חבר, זיצסט דעם גאַנצען טאָג ביי׳ם שרייב-טיש, נישט האָבענדיג דין מעגליכקייט זאָגאר דעם אָטעם אָבצוהאַפּען פון דער גרויסער היץ.

און איך שווער דיר, מיין פריינד, ביי מיין עהרען-ווארט, אז אט דער געדאנק האט מיר אין די לעצטע טעג פערשטערט די גאנצע הנאה פון דער דאטשע, און איך וועל זיך נישט בערוהיגען פריהער, ביז דו וועסט נישט קומען צו מיר אויף א פאר וואכען. טהו אלץ, וואס דו וועסט נאר אימשטאנד זיין, אום צו קריגען אורלויב אויף איניגע וואכען, דו מוזט עס האבען: א מענש איז קיין מאשין נישט און איז נישט אימשטאנד אהן אן אויפהער צו ארבייטען;

קום צופאהרען און מיין נישט, אז אין דארף זענען קיין מענשען נישטא: דא האט זיך גרופירט א אינטערעסאנטער קרייז פון יונגע מענשען, און מיר פערברענגען דא די צייט העכסט אינטערעסאנט.

דיין פריינד, וואס ערווארט דיך מיט אונגעדולד...

## ענטפער.

ליעבער פריינד!

ווער קען זיך עס אבזאגען פון אזא גלענצענדער איינלאדונג! לעזענדיג דיין בריעף, קען אפילו דעם אויסגעטריקענטסטען שטאדט-מענשען אנגעהמען א חשק צו פערלאזען האק און פאק און אוועק אין דארף, אום צו געניסען די זאפטיגע לופט פון די וועלדער, און זיך אבצורוהען צווישען די איינזאמע בערג. דו האסט זיך ריכטיג אויסגעדריקט וועגען ווארשוי און איהר טומעל; מען לעבט דא טאקע ווי אין אן "עולם התהו", מען האוועט, מען לויפט, פערדרעהט דעם קאפ פון טויזענדער געשעפטען, מען רוהט נישט אפילו ביי די היגע אזוי-גערופענע "פערגניגונגען".

שוין א האלב יאהר פיהל איך, אז מיינע קערפערליכע און גייסטיגע קרעפטען ענטנעהמען מיר; מיר קומט פאר, אז יאהרען זענען מיר אריבער אין אונאויפהערליכער ארבייט, כסדר ימי המעשה אהן איין שבת.

איך האב שוין אליין געטראכט וועגען אברוהען זיך, חאטש אויף א פאר וואכען,—מעהר קען איך זיך, ווי דו ווייסט, נישט ערלויבען—נאר איך האב נישט געוואוסט, ווי דאס צו פערווירקליכען; איצט ביזטו געקומען מיט דיין פריינדליכען פארשלאג און האסט די זאך בעשלאסען, און א פאר טעג ארום וועסטו מיך האבען ביי זיך אין דיין יונגער געזעלשאפט. גריס אין מיין נאמען דיינע בעקאנטע אויף דער רעכנונג פון אונזער צוקונפטיגער פריינדשאפט.

דיין...

## אַנ'איינלאַדונג צו פֿאָהרען שליטלען זיך.

ליעבע פֿאַניע!

מאָרגען נאָכמיטאָג נעהמען מיר זיך צוזאַמען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע—איך, מיינע ביידע ברידער, די פֿרײַלינס גרינשטיין, עפּשטיין און איינער אַ סטודענט—אום אַרויסצופֿאָרען אויף אַ פּאָר שעה הינטער דער שטאָדט. דער וועג איז איצט גאָר צום שליטלען זיך און דאָס וועטער זעהט אוים צו זיין מאָרגען שטיל און אָהן אַ ווינט. היינט שטעל דיך פֿאָר דאָס בילד פֿון דער אַרומיגער לאַנדשאַפֿט, אַליץ: וועלדער, פֿעלדער, די גאַנצע וועלט אַרום—איז בעדעקט מיט שניי! מיר האָבען בעשטעלט די בעסטע פֿוהרלייט און בעטען דיר אַלע, זיך צו בעטיילינען אין אונזער רייזע, דו וועסט זיכער קיין הרטה נישט האָבען, און אָהן דיר וועט עס ביי מיר אונגאַנצען זיין אַ פֿערשטערטע שמחה.

דו וועסט דאָך קומען? יאָ?!

דיין...

טייערע פֿריינדין!

אַ הערצליכען דאַנק דיר, טייערע, פֿאַר דיין בריעף. דו פֿרעגסט מיר, ווי איך פֿיהל מיך נאָך דיין אַוועקפֿאָהרען; ניט שוין-זשע פֿיהלסטו אַליין נישט, אַז דו פֿעהלסט מיר אויף יעדען טריט און שריט? פֿאַר דער קליינער צייט, וואָס מיר האָבען פֿערבראַכט צוזאַמען, האָסטו בעוויזען צו געווינען מיין האַרץ און מיין ליעבע, און אָבשיידענדיג זיך פֿון מיר, האָסטו זיי מיטגענומען. דו ביזט די ערשטע פּערזאָן אין מיין לעבענס-וועג, מיט וועלכער איך האָב מיך אַזוי ענג צוזאַמענגעלעבט, און בעגעגענענדיג דיך דאָס ערשטע מאָל, האָט מיר דאָס האַרץ גלייך געזאָגט, אַז דו ביזט די איינציגע, מיט וועמען איך וועל שטימען אין אַלע מיינונגען און פֿערלאַנגען. דאָס האָב איך געפֿיהלט אין דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זענען צוזאַמען געווען, און נאָך שטאַרקער פֿיהל איך דאָס איצט, ווען דו ביזט נישטאָ.

מיין טייערע רחל, ווען איך וואָלט געקענט דיך ווידערזעהן, און ווידער געניסען דעם גליק פֿון דיין האַרציגער פֿריינדשאַפֿט—ווי גליקליך וואָלט איך דאַן געווען! אויב אָבער דאָס דאָזיגע גליק איז מיר נישט בעשערט, וואָלט איך, ווענינגסטענס, וועלען, מיר זאָלען זיך אָפֿט דורכשרייבען. פֿאַר דעם אָבשייד האָסטו מיר צוגעזאָגט אָפֿטע בריעף צו שרייבען, און אַם ענדע האָסטו מיר און

דער גאַנצער צײַט בלויז אײַן בריעף געשריבען, און דאָס אויך—אַ קאַרטעל. מיר פערדרויסט עס און צוויי: ערשטענס, וואָס איך האָב מיט דיר קיין פערבינדונג נישט, און צווייטענס, ווייס איך נישט, וואָס מיט דיר איז. האָט זיך מיך פערגעסען, איז זי קראַנק, אָדער אויהר האָט אַן'אַנדער אומגליק געטראָפען?—אַזוי פרעג איך אָפט און אַלך האָב נישט קיינעם, וואָס זאָל מיר קענען די אַלע פּײַנליכע פראַגען פערענטפערן. — דו זאָלסט מיך פערגעסען—לעגט זיך מיר נישט אויפ'ן רעיון, וואָס זשע דען אָבער קען דיך אָבהאַלטען פון שרײַבען?

איך בעט דיר דערוּבער, טײַערע, גוטע רחל, וואָס עס זאָל דאָרטען נישט זײַן, צי עטוואָס אונאַנגענעהמעס, צי גאָר אַ גרויס גליק, לאָז מיר וויסען, וואָרום וואָס אָנבעלאַנגט דיך, אינטערעסירט מיך אַלץ אײַנס, ווי עטוואָס אײַנענעס.

איך שליס דערווײַל מײַן בריעף מיט דער האָפנונג, אַז אַלץ איז בײַ דיר כשורה און אַז דו וועסט מיך גלײַך בערוהיגען מיט אַ פרײַנדליכען בריעף.

איך פערבלײַב דײַן פרײַנדין נ. נ.

ליעבער פרײַנד!

קענטיג, אַז נאָך דעם קלײנעם סכסוך, וואָס איז צווישען אונז פאָרגעקומען, טראָגסטו נאָך אַלץ בײַ זיך אין האַרצען אַבּיסעל תרעומות אויף מיר. איך וויל נאָכאַמאָל נישט בערוהרען די פראַגע, ווער פון אונז איז געווען דער שולדיגער, כדי דיך מעהר נישט צו דערצאָרענען; מיר קומט עס אָבער פאָר מאָדנע, וואָס אַזוינע צוויי מענשען, ווי מיר, מיט די זעלבע איבערצײַגונגען און געוואָהנהײַטען, וועמעס פרײַנדשאַפט עס ציהט זיך שוין פון יאָהרען, זאָלען זיך פלוצלינג אַזוי פאַנאַנדערגעהן און זיך אַזוי דערווײַטערן אײנער פון אַנדערן צוליעב קלײניגקײַטען. איך מאַך דערוּבער דער ערשטער דיר דעם פאָרשלאָג מאָרגען זיך צוזאַמענקומען בײַ ק. און דעם ענין גאַנץ קאַלטבלוטיג בעטראַכטען, אום מיט איהם אַזוי אָדער אַנדערש אַ סוף צו מאַכען.

איך בין זיכער, אַז דו וועסט מיר נישט אָבזאָגען צו געהן אויף אַ פשרה און צו בעניײַען אונזער פרײַנדשאַפט, וועלכע איז דורך יאָהרען פערהײליגט געוואָרען.

דײַן...

טײַערער פרײַנד!

מיט פרייד נעהם איך אן דײַן פאָרשלאַג, ווײַל מיר האָט אויך שטאַרק געדריקט די אָנגעצויגענע בעציהונג צווישען מיר און דעם מענשען, וואָס איך בין פון קינדווײַז אויף כמעט נאָר מיט איהם צוזאַמען געווען. איך זעה איצט אײַן, אַז שולדיג אין דעם סכסוך בין איך אַליין, און איך וואָלט שוין אַלײַן נאָך פריהער געזעהן צו פאַרגלעטען די עולה, נאָר דאָס בעוואוסטזײַן, אַז איך בין שטאַרק אומגערעכט נעגען דיר, האָט מיך נישט געלאָזען אָנהויבען פיהרען די פערהאַנדלונגען וועגען אַנ׳אויסגלײַך. איך בין דיר דערױבער זעהר דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך אַרויסגעפיהרט פון אַ פערלעגענהײַט. אהין, וואו דו האָסט פאָרגעלעגט, וועל איך אונבעדינגט קומען; מיט דער פשרה אָבער האָט עם כלל נישט צו טאָן, ווײַל איך גיעב שוין אין אַלץ נאָך. קומען וועל איך בלויז, אום בײַ דיר מחילה צו בעטען פאַר דעם עגמת נפש, וואָס איך האָב דיר פערשאַפט; אום צו בענײַען אונזער פרײַנדשאַפט, און מיט וואָרט און טהאָט אויסצומעקען פון זכרון דעם קלײנעם פערדראָסיגען אינצידענט.

דײַן...

ליעבער ב. ראָזענפעלד!

וואָס איז מיט אײַך? איך האָב אײַך שוין דרײַ בריעף געשריבען און אײַך פעלט גאָרנישט אײַן מיר צו ענטפערן. וואָס זאָל דאָס בעדײַטען? בײַ נעכטען האָב איך געגלויבט, אַז מיט אײַך איז ווירקליך עפּעס געשעהען און איהר קענט נישט שרײַבען — בײַ אײַער בעסטען ווילען. דאָס האָט מיר, געוועהנליך, שטאַרק בעאונרוהיגט און איך האָב אָנגעהויבען שטאַרקער נאָכפרעגען אויף אײַך בײַ אײַערע היגע קרובים; האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז בײַ אײַך איז, אַ דאַנק גאָט, קיין בעזונדערע געשעהעניש נישט פאָרגעקומען און אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג. הייסט דאָך עס, אַלזאָ, אַז איהר ווילט נישט שרײַבען, און דאָס קען איך שוין נישט פערשטעהן. פאַרוואָס? איז דען פאָרגעקומען צווישען אונז אין דער לעצטער צײַט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אימשטאַנד געווען אײַך אויפצובריינגען נעגען מיר, אָדער, ווענינסטענס, אַרויסצורופען בײַ אײַך פערדרום און כעס?

ציפיעל שעץ איך אײַער פרײַנדשאַפט, אום אונגאַנצען גלײַכגילטיג צו

קלערען וועגען דער מעגליכקייט פון אזא פאל, און ווי עס זאל נישט זיין אייער בעציהונג צו מיר, בלייב איך אלץ

אייער איבערגעגעבענער...

האַרציגע, ליעבע רחל!

נאר וואס האב איך דיין בריעף ערהאלטען און איך איל טוך דיין פערלאנג צו ערפילען — האטש נישט אינגאנצען. די בעטסט מיך, איך זאל דיר אויספיהרליך שילדערן די איינצעלהייטען פון מיין לעבען דא, און דער גרויסער שטאדט, און גענוי איבערגעבען די איינדריקע פון אלץ, וואס רינגעלט מיך ארום—דאס איז מיר אין דער איצטיגער מינוט פשוט אונמעגליך צו טאן; דער טומעל פון דעם גרויסשטאדטישען לעבען איז אזוי גרויס, אז א לאנגע צייט וועט נאך מוזען אוועקגעהן, ביז איך וועל מיך קענען אריענטירען אין די איינדריקע פון דער ארומיגער אומגעבונג. דעם ערשטען חודש נאך מיין קומען אהער, האב איך מיך געפיהלט זעהר עלענד און נידערגעשלאגען, און איך גלויב, אז דאס וועט דיך נישט וואונדערן, שוין האבענדיג אליין אויך פערזוכט אמאל דעם טעם, די פיהלסט דיך עפעס, ווי א קליין, גישטיג ווערימעל אין דעם אונגעהויערן מענשען־ים, וואס ברויזט און שטורמט, און א בלינדער, נאגענדער אומעט הערט נישט אויף דיר דאס הארץ צו פרעסען, ווען די דערמאהנסט דיך, אז אט, מיט איינע 15 טאג צוריק, ביזטו נאך א מענש, אנ'אנגעזעהענער מענש געווען, און א גאנצע שטאדט מיט מענשען האט דיך געקענט און זיך זאגאר אינטערעסירט מיט דיר! דיר בענקט זיך דאן פון איין זייט נאך דער היים, נאך דעם קליינעם שטעדטיל, וואו די ביזט עפעס, וואו די פערנעהמסט אזא אנגעזעהענעם ארט, וואו די האסט ארום זיך אזוי פיעל ליעבע און ווארימע פריינד; און פון דער צווייטער זייט ווילט זיך דיר אין קיין פאל נישט אבטרעטען פון דעם ברויזענדען ים, וועלכער טראגט מיט זיך אויף זיינע וועלען די חלומות פון דיין ווייטער, ווייטער צוקונפט...

און ווען די בלייבסט ווירקליך אויפ'ן פלאץ, האסטו קיינמאל קיין חרטה נישט — דאס איז די אינערליכע איבערצייגונג, צו וועלכער איך בין צוגעקומען נאכדעם, ווי איך האב די ערשטע צייט איבערגעלעבט און אנגעהויבען בּיסלעכווייז בעקאנטע צו קריגען, זיך היימישער צו פיהלען און בכלל זיך צו אקלימאטיזירען אין דעם ציווילוזירטען לעבען. וועגען די איינצעלהייטען

פֿון מײַן לעבען אִין דעם דאָזִיגען פּעריאָד, קען אִיך דִיר פֿאָרלויפִֿיג נאָך קײן בּעשטִימטע זאַך נִישט שרײַבּען — אִיך װײס נאָך דערװײַל אַלײן נִישט, װאָס מִיט מִיר אִיז און אויף װיפִֿיעל אִיך האָב װִירקלִיך שאַנסען מִיך דאָ צו אַקלִימאַטִיזִירען.

דײַן היים-אִיבּערגעגעבּענע
אסתּר.

# ליעבעס־בריעף.

געעהרטעס פרייליין!

איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, טייערע, פאר דעם איינטומען טאן, מיט וועלכען איך געה איצט רעדען צו אייך — עס האנדעלט זיך וועגען אייערן א שריט, וואס האט מיך טיעף אנגערירט און קען זאגאר האבען וויכטיגע פאלגען פאר מיין צוקונפט, — דערוויסענדיג זיך געכטען, אז איהר קלייבט זיך אבציפאהרען פון ד., האט א ביטער געפיהל מיר אנגעהויבען פרעסען דאס הארץ. זעהענדיג די נאהנטע מעגליכקייט אייך צו פערלירען, האב איך פלוצלונג דערשפירט דאס, וואס איך האב ביז אהער זיך אליין נישט געוואלט מודה זיין — אז איך קאן נישט לעבען אהן אייך, אז מיר וועט זיין אונענדליך שווער ארויבערצוטראגען אייער אבוועזענהייט און אז איך וועל מיך נישט בערוהיגען פריהער, ביז איך וועל נישט בעקומען די האפנונג אייך ווידער צו זעהן! נאכאמאל בעט איך אייך: זייט נישט בעז אויף מיר פאר דעם אפענהערציגען טאן! נאר א דאנק אייער אונערווארטעטער רייזע, האט איהר די מעגליכקייט ארייינצוקוקען און דעם הארץ, וואס שלאגט פאר אייך פון דער ערשטער מינוט, וואס מיר האבען זיך בעגעגענט. א, רחל, גיט מיר נאר א פונק פון האפנונג און איך וועל דער גליקליכסטער אונטער מענשען זיין! דאס וועט מיר געבען מוט צו שטרעבען און צו ארבייטען פאר דער פערווירקליכונג פון מיין שענסטען ציעל; דאס וועט ארייינברענגען ליכט און מיין בעוואוסטזיין און און אלע מיינע געפיהלען. לאזט מיך, טייערע, נישט פערצווייפלען! און זאגט מיר צום לעצטען מאל אייער ווארט, וואס וועט אימשטאנד זיין מיך גליקליך, אדער אומגליקליך מאכען.

אייער אייביג טרייער..

טייערע, געליעבטע ראָזע!

צום ערשטען מאל ווענד איך זיך צו אייך מיט די נעמען. אָבער אונערליך, און מיין הארצען, רוף איך אייך שוין לאנג מיט די דאָזיגע ווערטער, און מיין איינציגער פערלאנג און לעבען איז, איך זאל אייך שטענדיג קענען אזוי אָנרופען. איך ליעב אייך, ראָזע, אזוי טיעף און טריי, אז אפילו די צייט און די יאָהרען וועלען נישט אימשטאנד זיין די דאָזיגע ליעבע אָבצושוואַכען. זייט איך האָב אייך דערקענט, האָב איך גאנץ אנדערש אָנגעהויבען צו קוקען אויף דעם גליק פון'ם פאמיליען-לעבען און צוזאַמען דערמיט האָט זיך אין מיר פערשטאַרקט די איבערצייגונג, אז פעראייניגענדיג זיך מיט אייך אויפ'ן גאנצען לעבען, וואָלט איך געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. לאנג האָב איך די איבערצייגונג אין זיך בעהאַלטען; איצט אָבער קען איך שוין מעהר נישט שווייגען, און נעהם זיך דעם מוט אייך אָפען צו פרעגען: קענט איהר מיר שענקען אייער ליעבע? קענט איהר זיך בעשליסען צו לאָזען זיך אויף דעם וועג פון לעבען מיט א מענשען, וואָס וועט אייך קענען מיט דאָס נויטיגסטע בעזאָרגען; מיט א מענשען,ביי וועמען איהר וועט זיין דאָס בעסטע און שענסטע, מיט וואָס גאָט האָט איהם בעשענקט? אויב איהר זענט בערייט דערויף, טאָ נעהמט אָן מיין אָנגעבאָטענע האנד און פעראייניגט זיך מיט מיר,—מיט דעם מענשען, וואָס איז אימשטאנד אָבצושאַצען אייער ווערטה און וועט תמיד שטרעבען אייך גליקליך צו מאַכען. איך האָב געגעבען צו וויסען אייערע עלטערן פון מיין איצטיגען שריט, און געבעטען זייער צושטימונג פאַר דעם פאַל, אויב אייער הארץ איז געניינט מיך פאַר אייער לעבענס-בעגלייטער צו האָבען. איצט האָט איהר אייער וואָרט צו זאָגען!

מיט די טיעפסטע געפיהלען פון צוטרוי צו אייך שלום איך מיין בריעף.

אייער טריי-איבערגעגעבענער...

## א הייראַטס-אָנטראָג צו אַן אַלמנה.

פיעלגעעהרטע מאדאם!

שוין פון לאנג בין איך א שטילער, טיעפער פערעהרער פון אייער איידעלען הארצען און גרויסען פערשטאַנד, און די פריינדליכקייט, מיט וועלכער איהר האָט מיר בעגעגענט ביי אונזער צופעליגער בעקאַנטשאַפט, האָט אין מיר ארויסגערופען א שטראָם פון וואַרימע געפיהלען צו אייך; איצט ניט זו מיר

דעם מוטה אייך אויפֿצודעקען מיין געמיטה, וואס ווינט זיך צווישען די הייטערסטע האפֿנונגען און די שווארצסטע ספקות. איך קען שוין מעהר נישט לעבען אין דעם אונבעשטימטען צושטאנד, און דעריבער וואג איך אייך ערקלעהרען, אז מיין גרעסטער פֿערלאנג איז: איך זאל אייך קענען אנרופֿען מיינע און מיט אייך האנד אין האנד געהן אויפֿ'ן שווערען וועג פֿון לעבען און אין אייער גליק געפֿינען מיינעם. מיין פֿינאנציעלער צושטאנד איז אייך, מסתמא, גאנץ גוט בעקאנט; איך בין נישט רייך, אבער דאך בין איך אימשטאנד צו שאפֿען פֿאר אייך א זארגלאזע לאגע, און איך וועל האלטען פֿאר מיין גרעסטען הויב פֿאר אייך צו ארבייטען און אייך דאס לעבען אויף וויפֿיעל ס'איז מעגליך מאכען אנגענעהם.

ווי גליקליך וואלט איך זיך געשעצט, ווען איך וואלט וויסען, אז איהר פֿיהלט צו מיר דאסזעלבע, וואס איך צו אייך!

נעהמט אן מיין פֿארשלאג מיט דער פֿריינדליכקייט, מיט וועלכער איהר האט מיר צום ערשטען מאל בעגעגענט.

אייער טרייער פֿערעהרער...

## צוזאגענדיגע ענטפֿערען.

### 1.

געעהרטער פֿריינד!

אייער ליעבער בריעף האט מיך ענדליך איבערצייגט אין דעם, וואס איך האב מיך ביז אהער געשטויסען פֿון אייערע פֿריינדליכע בענעהמונגען צו מיר. איך וועל אייך אפֿען מודה זיין, אז עס האט מיך זעהר געפֿרעהט, ווען איך האב ערפֿאהרען וועגען אייערע אמת'ע געפֿיהלען. איך האב פֿארגעלעזען אייער בריעף פֿאר מיינע עלטערן; זיי האבען גארנישט געגען אייער וואונש, און זיי האבען מיר געגעבען די פֿולע פֿרייהייט צו האנדלען לויט מיין בעגעהרען; נון וועל איך אייך אפֿען זאגען, אז פֿון דער ערשטער מינוט פֿון אונזער בעקאנטשאפֿט האט איהר אויף מיר געמאכט א טיעפֿען איינדרוק און נישט איינמאל איז מיר געקומען א געדאנק, אז איהר זענט דער איינציגער מענש, מיט וועלכען מיר וואלט געווען אנגענעהם זיך פֿעראיינגיגען און אין דער מינוט, ווען איך האב אייער פֿארשלאג ערהאלטען, בין איך געווען גליקליך, וואס מיין וואונש איז ענדליך מקוים געווארען. איך ערווארט אייער אנקומען מיט אונגעדולד צו אויסדריקען אייך דאס, וואס ס'איז שווער אויפֿ'ן פאפיער צו ברענגען.

אייער...

## .2

טייערער פריינד!

אייער פאָרשלאַג האָט מיך געמאַכט שטאָלץ און פרעהליך צו דער זעלביגער צייט; מיר זענען שוין פון יאָהרען בעקאַנט, און איך האָב שוין געהאַט די געלעגענהייט צו דערקענען אייער איידעלען כאַראַקטער, אייער גוט האַרץ און אייער בילדונג, און דעריבער גיב איך אייך מיין יאָ־וואָרט מיט דער פעסטער האָפנונג, אַז מיין פערבינדונג מיט אייך וועט מיך מאַכען גליקליך.

נישט מיט דער ברענענדיגער ליידענשאַפט פון אַ יונג מיידעל טרעט איך אַריין אין אונזער פערבאַנד, נאָר מיט די טיעפע געפיהלען פון טרייער צוגעבונדענהייט, אַכטונג און צוטרוי, און איך האָף, אַז איהר וועט זיין צו מיר אַן איבערגעגעבענער חבר און לעבען און צו מיינע פריה־פער'יתום'טע קינדער אַ ליעבענדער פאָטער. זאָל דער אויבערשטער בענשען אונזער בונד, און זאָלט איהר נישט חרטה האָבען אויף אייער שריט.

אייער...

## .3

געעהרטער פריינד!

צו וואָס זאָל איך לייקענען, אַז די שטונדען, וואָס איהר פלעגט פערברענגען אין אונזער פאַמיליען־קרייז, זענען געוועזען די אַנגענעהמסטע, וואָס איך האָב שוין זייט אַ לאַנגער צייט פערבראַכט? עס האָט מיך געפרעהט און שטאָלץ געמאַכט דער געדאַנק, אַז אַזאַ מענש ווי איהר אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט מיר. איך זאָג אייך דעם אמת, אַז אייער פאָרשלאַג איז פאַר מיר געוועזען אונערוואַרטעט, איך האָב זיך נישט גערעכנט, אַז אייער פריינדשאַפט זאָל אַזוי ווייט געהן. איידער איך האָב מיך בעראַטען מיט מיינע עלטערן, קען איך אייך קיין בעשטימטען ענטפער נישט געבען. נאָר איך האָף, אַז מיינע עלטערן, וואָס זאָרגען זיך פון תמיד אָן וועגען מיין גליק, וועלען אויך דעמאָהל נישט אָבזאָגען דעם הערצליכען וואונש פון זייער טאָכטער. ווענדט זיך צו זיי און זענט זיכער, אַז אייער ערנסט־געמיינטער אָנבאָט וועט אויף'ן פריינדליכסטען אופן אויפגענומען ווערען פון זיי.

מיט די בעסטע האָפנונגען פערבלייב איך אייער...

## אַנ'אַבזאָגענדיגער ענטפער.

געעהרטער הער!

אייער בריעף האָט מיך זעהר איבערראַשט. פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער בעקאַנטשאַפט, האָב איך מיט מיינע בענעהמונגען צו אייך גאָר נישט אַרויסגעוויזען אַזוינס, וואָס האָט אייך געקענט בעוועגען צו אייער פאָרשלאַג און איינגעאַכטעטע דערוויף. וואָס איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער אויפמערקזאַמקייט צו מיר, וואָס איך בין שטאָלץ צו זיין אַזוי געשעצט פון אַ מענשען, וועמען אַלע רעספעקטירען, מוז איך אייך ערקלעהרען, אַז דערוויילע האָבען זיך אין מיין הארץ נישט ערוועקט אַזוינע טיעפע געפיהלען צו וועלכער עס איז פערזאָן, איך זאָל זיין בערייט צו פערבינדען זיך אויף אייביג מיט איהר. און אָהן די געפיהלען איז קיין גליקליך צוזאַמען-לעבען נישט מעגליך.

טיעף בעדויערענדיג, וואָס איך האָב אייך ענטוישט, בלייב איך

אייער פריינדין...

לִיעבעס, טהייערעס פריילין!

איך האָב אייך מעהרסטענטייל געטראָפען אינ'ם קרייז פון אייער שטילען פאַמיליען-לעבען, נאָר די דאָזיגע אַלטעגליכע אומגעבונג האָט מיר נישט געשטערט צו בעמערקען אייערע זעלטענע מעלות. נעהמט נישט אָן מיינע ווערטער פאַר אַ געוועהנליכען קאָמפּלימענט; איך וויל נאָר דערמיט אויסדריקען מיין טיעפע אַכטונג צו אייך און אויפדעקען מיין הארץ, וואָס ציהט צו אייך און צווינגט מיך צו זוכען אייער בעקאַנטשאַפט. איך מיין, אַז אייערע עלטער, וועלען נישט האָבען דאַגעגען אויפצונעהמען ביי זיך און שטוב אַזאַ יונגען מאַן, ביי וועלכען זייער טאָכטער איז די ערשטע ריינע סימפּאַטיע. איך וועל זיך שעצען העכסט גליקליך אויב איך וועל אין אייער הארצען געפינען כאָטש אַ שוואַכען אָבקלאַנג פון מיינע אויפריכטיגע געפיהלען. ווי איהר זאָלט זיך נישט אָברופען אויף מיין בריעף, וועל איך תמיד בלייבען

אייער פערעהרער...

## אַ צוזאָגענדיגער ענטפער.

פיעלגעעהרטער הער!

מיינע עלטערן זענען מסכים און פעראיינינגען זיך מיט מיר אייך צו לאָזען וויסען, אַז אונז אַלעמען פרעהט זעהר, וואָס מיר וועלען קענען פער־גרעסערען דעם איינגען קרייז פון אונזער פאַמיליע מיט אַזאַ מענשען, ווי איהר איך פון מיין זייט דאַנק אייך זעהר פאַר דער אַכטונג און ליעבע, וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען און האַלט עס פאַר מיין חוב אייך צו בעלוינען פאַר אייער ליעבליכקייט און טרייהייט. ווען איהר וועט קומען וועט איהר ביי אונז זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

אייער...

## אַן־אָבזאָגענדיגער ענטפער.

ווערטהער הער!

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס אייער פריינדליכער פאָרשלאַג, האָט אונז טיעף גערירט, זענען מיר דאָך געצוואונגען דורך אונזערע איצטיגע אומשטענדען אייך אָבצוזאָגען. אוים אַכטונג און דאַנקבאַרקייט צו אייך, מוז איך אייך מודה זיין, אַז איך שטעה שוין אין פערבינדונג מיט איינעם אַ יונגען מאַן אַזוי, אַז פון אַנ׳אַנדערען קען איך שוין נישט קלעהרען. איך דאַנק אייך פאַר אייער אויפמערקזאַמקייט און ווינש אייך איהר זאָלט אָנטרעפען אייער אמת׳ע כעשערטע, וועלכע איז אייך מעהר ווערטה, ווי איך.

מיט אַכטונג...

## השתדלות ביי אַ פאָטער.

הויכגעשעצטער הער!

די אַנגעלעגענהייט, צוליעב וועלכער איך ווענד זיך איצט צו אייך שריפטליך, האָט פאַר מיר אַ גרויסע בעדייטונג. — עס איז אייך גאַנץ גוט בעקאַנט, אַז אין פאָריגען יאָהר האָב איך אָנגעהויבען צו זוכען אייער טאָכטער׳ס בעקאַנטשאַפט, און דאָס האָט מיר ביז אַהער זיך גליקליך געגעבען, וואָס

וואָס מעהר עס פערגרעסערן זיך מיינע געשעפטען, זעה איך וואָס אַמאָהל מעהראַיין, אַז איך נויטיג זיך אין אַ ווירטין און לעבענס-פריינדין, וואָס זאָל אַ'יף זיך נעהמען אַ טייל פון מיינע זאָרגען און שאַפען פאַר אונז ביידען אַ שטילע חיים. פאַר דער צייט פון אונזער בעקאַנטשאַפט, האָב איך בעוויזען צו דערקענען אייער עלטערע טאָכטער, און האָב אין איהר בעמערקט פיעלע גרויסע מעלות און איך געפין אין איהר די יעניגע פערזאָן, מיט וועלכער איך וואָלט געקענט פיהרען אַ גליקליכען, צופרידענעם לעבען. דערום האָב איך דעם מוטה בעטען ביי אייך ערלויבניש צו זוכען אייער טאָכטערס האַנד. קיין אוצרות האָב איך נישט, נאָר איך בין אויף אַזויפיעל פערמעגליך איך זאָל זיין אימשטאַנד אויסצו-האַלטען אַנשטענדיג אַ פרוי מיט אַ הויזווירטשאַפט און וואָס עס איז שייך מיין נאָמען, דענק איך, קען איך זיך פערגלייכען מיט יעדען איינעם, וואָס איהר וואָלט האַלטען פאַר פאַסענד צו האָבען פאַר אַנ'איידים. חאָטש אייער הסכמה איז פאַר מיר פעררעכענט אַלס אַ גליק, דאָך בעט איך אייך צו לאָזען אייער טאָכטער האַנדלען לויט איהר האַרצענס-בעגעהר; איך וויל איהר נאָר דאַן האָבען, ווען זי וועט אַזוי היים פערלאַנגען אונזער פערבינדונג, ווי איך.

האָפענדיג גלייך צו בעקומען פון אייך אַנ'ענטפער בלייב איך

אייער איבערגעגעבענער...

## אַ צוזאָגענדיגער ענטפער.

געעהרטער העָר!

איך דאַנק אייך זעהר פאַר דעם צוטרוי, וואָס איהר האָט מיר אַרויס-געוויזען אין אייער בריעף. איך קען אייך זאָגען, אַז איך וואָלט געווען זעהר צופרידען צו האָבען אַזאַ איידים ווי איהר. איך האָב אייער בריעף געוויזען מיין טאָכטער, און זי האָט ערקלעהרט, אַז זי האָט גאָרנישט געגען אייער פאָרשלאָג, נאָר איידער זי וועט זיך בעשליסען אויף דעם וויכטיגען שריט, וויל זי זיך פריהער נעהנטער בעקענען מיט אייך. אַלזאָ לאַד איך אייך איין זעהר פריינדליך אַריינצוקומען צו אונז וואָס אָפטער, און איך האָף, אַז פון דער נאָהענט וועלען מיר זיך נאָך שטאַרקער בעפריינדען.

אייער איבערגעגעבענער..

לויבער, שלעכטער מאַקס!

זאָג מיר אַליין, און גאָט'ס נאָמען, וואָס זאָל איך טראַכטען וועגען דיר! זינט אַ געוויסער צייט האָב איך אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז דו ווערסט צו מיר וואָס אַמאָל קעלטער, און דאָס פֿערשאַפֿט מיר פֿיעל שמערצען. דיר האָט זיך איינגעגעבען נור אויף אַ קליין ווײַלע מיך צו בערוהיגען, אָבער צו וועסט מיר שוין נישט איינשמועסען, אַז צווישען אונז איז אַלץ ווי פֿריהער. וואָס דו זאָלסט מיר נישט זאָגען — אַ ליעבענדע האַרץ פֿון אַ פֿרוי וועסטו נישט אָבנאַרען, און מיין האַרץ, אָ, ווי עס ווערט צובראָכען פֿון פּיין! בעזונדערס געהט מיר דורך אַ שוידער איבער'ן לייב, ווען איך דערמאָהן מיך די סצענע אויפֿ'ן באַל, דיין האַלטען זיך, דיין בעגעהן זיך מיט מיר און מיט אַ נ ד ע ר ע. דו מיינסט, אַז איך האָב קיין זאַך נישט בעמערקט? אָ, אויב דו דענקסט אַזוי, ווייסטו נישט, ווי שאַרף די געקרענקטע ליעבע זעהט, האָסטו גאָר קיין בעגריף נישט דערפֿון, וואָס דו בעדייטעסט פֿאַר מיר, און ווי ווייט עס גרייכט מיין ליעבע צו דיר.

איצט וויל איך וויסען קלאָר, וואו איך האַלט אין דער וועלט, בעסער צו וויסען דאָס ערגסטע, איידער צו לעבען אין שטענדיגער פֿערצווייפֿלונג. איך וויל פֿון דיר דייטליך הערען, אַז דו האָסט אַלע דיינע הבטחות און שבועות פֿערגעסען, אַז דיין חנה'לע איז דיר פֿרעמד געוואָרען. איך וויל דאָס נאָך היינט וויסען, און אויב איך וועל ביז מאָרגען פֿון דיר קיין בריעף נישט ערהאַלטען, וועט עס זיין פֿאַר מיר דער בעסטער סימן, אַז צווישען אונז איז אַלץ אוים. וואָס עס וועט דאַן זיין ווייס איך נישט; דאָס אָבער ווייס איך נוט, אַז קיין מענש אין דער וועלט וועט זיך נישט פֿיהלען אַזוי אונגליקליך, ווי

דיין מיט לייב און לעבען איבערגעגעבענע

חנה.

לויבע, איינפֿערזיכטיגע חנה'לע!

מיט דיין בריעף האָסטו מיר נישט אויף אַ שפּאַס איבערגעשראָקען, און ווען איך וואָלט פֿון איהם נישט אַרויסגעזעהן דיין גרויסע ליעבע צו מיר וואָלט איך מיט דיר אַנדערש גערעדט; וואַרט, עס וועט דיר נישט זיין געשענקט! אַזוי ווי מאָרגען וועל איך ביי דיר זיין, וועל איך דיר היינט שרייבען בלויז אייניגע שורות; איך וואָלט אָבער ווילען, אַז מיינע ווערטער זאָלען זיך איינקריצען אין דיין האַרצען און דיר אויף אייביג פֿערזיכערען, אַז איך ליעב דיר וואָהר און אויפֿריכטיג און וועל דיר אייביג געטריי ליעבען. און זאָגען זאָג איך

דיר: מיר זאָלען געקענט גליקליך זיין, נאָר דו האָסט אַ סך גליקליכע שטונדען פֿערשטערט מיט דיין לעכערליכער אייפֿערזוכט. צוליעב דער קלענסטער נאַרישקייט, און אַמאָל צוליעב גאָרנישט, איז ביי דיר רעכט מיר צו פֿערפֿינ־סטערן די גליקליכסטע מינוטען פֿון מיין לעבען. דו ביזט שטענדיג געוויינט פֿון דעם קלענסטען צופֿאַל אַ באַרג צו מאַכען און איבערצוקלעהרען אַזוינס, וואָס מיר האָט גאָרנישט אָנגעהויבען איינצופֿאַלען.

אויף דעם נעכטיגען באַל, בין איך אומגליקליכער ווייזע געקומען פֿריהער פֿאַר דיר, און ווען דו ביזט געקומען, האָסטו מיך געטראָפֿען רעדענדיג מיט די פֿריילין ז. און צוליעב אַזאַ קלייניגקייט ביסטו בערייט זיך געקרענקט און בעליידיגט צו פֿיהלען. וועגען דיין אייפֿערזוכט בכלל וועל איך מיט דיר אַ צווייטעס מאָל רעדען, ווען דו וועסט אימשטאַנד זיין צו בעטראַכטען מיינע רייד קאַלטבלוטיג. שלאָג זיך אַרויס פֿון זינען דיינע נאַרישע געדאַנקען, האָב מעהר צוטרוי צו מיר און פֿערשטעה, אַז קיינער ליעבט דיך נישט טיעפֿער און הייסער, ווי איך

דיין...

## געעהרטע מיללע ראָזע נ...!

זאָל אייך נישט וואונדערען, וואָס איך הויב נישט אָן דאָס מאָהל מיין בריף מיט דעם געוועהנליכען צוטרויליכען טיטול, וועלכען איך פֿלעג תמיד שרייבען מיט אַ וואַרימען געפֿיהל — צו ווייט זענען מיר שוין אוועק איינער פֿון אַנדערען! מיין האַרץ איז צוריסען פֿון די ביטערסטע געפֿיהלען; מיין אויסזיכט אויף אַ גליקליכער צוקונפֿט איז פֿערשוואונדען אין אַ פֿינסטערער נאַכט. איהר וועט פֿרעגען: ווער איז שולדיג אין דעם? אָ, ענטפֿערט זיך אַליין אויף דער פֿראַגע, זייט וועניגסטענס זיך אַליין מודה אין דעם, וואָס איהר ווילט פֿון מיר פֿערלייקענען און ערקלערט אָפֿען: מיין ליעבע צו דעם מענשען איז אָבגעקיהלט געוואָרען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, איך האָב דעם מענשען קיינמאָל אויפֿריכ־טיג נישט געליעבט. איך וועל אייך נישט חושד זיין אין דעם, אַז איהר האָט געטיינט, בעוואוסטזיניג מיך צו נאַרען; גיכער האָט איהר זיך אַליין גענאַרט. מיינע טיעפֿע, הייסע געפֿיהלען האָבען נאָר גערייצט און בעפֿרידיגט אייער איינגעליבטע, און אייער האַרצען אָבער האָבען זיי קיין שום אָבקלאַנג נישט געפֿונען. אָהן דער השערה בלייבט פֿאַר מיר פּשוט אונפֿערשטענדליך אייער בעציהונג צו מיר אין דער לעצטער צייט; איהר רעדט צו מיר, ווי צו אַ ווילד־פֿרעמדען, אין אַ גאַנץ אָפֿיציעלען, טרוקענעם טאָן, און אין דער זעלביגער צייט

ווייסט איהר גאַנץ גוט, אַז אַלע מיינע האָפֿנונגען זענען ענג פֿערבונדען מיט אייער ליעבע און אַז מיין גאַנצע נשמה איז דורכגעדרונגען מיט אַ פֿלאַמענדער ליעבע צו אייך!

גיין, איהר האָט מיט מיר אַ מאוס'ען שפּיעל געפֿיהרט! עס איז שוין צייט, איך זאָל זיך אַרומקוקען וואו איך האַלט אין דער וועלט, און אויפֿהערען צו שפּיעלען די נאַרישע קאָמעדיע, וועלכע איז פֿון אייער זייט שוין אייגענטליך לאַנג געענדיגט געוואָרען. —

דאָס איז מיר זעהר שווער צו טהון; עס איז אָבער יעדענפֿאַלס לאָגישער אַזאַ שריט צו מאַכען, איידער זיך צו לאָזען קרענקען און קוועלען און פֿערגיפֿטען דאָס לעבען אויף יעדען טריט.

איהר מעגט אַ ביסעל אַ טראַכט טהון איבער די דאָזיגע שורות! פֿרעגט אייער הארץ, אויב עס פֿיהלט גאָר נישט ביי דעם געדאַנק, אַז איהר האָט אַזוי מוטוויליג פֿערשטויסען פֿון זיך אייער געליעבטען, וועמען איהר האָט נישט איינמאָל געשוואָרען אייביג טריי צו בלייבען! אפשר, ווען איהר וועט זיך בע־קלעהרען, וועט איהר אַליין איינזעהן, ווי וויט אונגערעכט איהר האָט געהאַנ־דעלט געגען מיר.

אָ, ביזע! ווי גערן וואָלט איך דאָס פֿערגאַנגענע פֿערגעסען, ווען איך וואָלט געקענט האָפֿען, אַז אונזער צוקונפֿטיגע פֿערבינדונג וועט אונז ווירקליך צוגויפֿשליסען און מיר וועלען אָנהויבען אַ נייע לעבען. ענטפֿערט מיר באַלד, נאָר בעקלעהרט זיך פֿריהער, וואָס איהר טהוט! פֿון אייער בריעף הייננט אָב דאָס גליק, אָדער אונגליק

פֿון אייער...

## אַ כלה שרייבט איהר חתן.

דער לעצטווינגער שריט, מיט וועלכען איהר האָט מיך געכטען בעגעג־נעט און דערצו אין דער אָנוועזענהייט פֿון זייטיגע פּערזאָנען, האָט מיך אַזוי טיעף אָנגעגריפֿען, אַז איך האָב ערנסט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען זיך, צי זאָל איך מיין האַנד געבען אַ מענשען, וואָס האָט אין זיך אויף אַ וויפֿיעל קיין טאַקט נישט?

איך וואָלט דאָס אייך גלייך געזאָגט און געפֿאָדערט, איהר זאָלט מיר פֿון מיין וואָרט בעפֿרייען, ווען דער פֿאָטער וואָלט מיך נישט אָבהאַלטען דער־פֿון. ער פֿערענטפֿערט אייך דערמיט, וואָס איהר זענט געוועזען שכור; נו, פֿרעג איך אייך אַליין: און שכור זיין, און קומען אַ שכור'ער צווישען מענשען — איז

שען? איז דען דאָס אַליין אויך שוין נישט אַ אַקט, וואָס זאָגט עדות אויף אומגעלאַסענקייט, טאַקטלאָזיגקייט און אונאַנשטענדיגקייט?

און דעם פערלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זענען בעקאַנט און פערבונדען, האָב איך געטראָגען אין האַרצען די בעסטע געפיהלען צו אייך. איך האָב געזעהן אין אייך אַ ליעבענס-ווירדיגען און עדעלמוטיגען געשעפטס-מאַן, וואָס פערדיענט ליעבע און אַכטונג, און האָב אייך אָנפערטרויט מיין נשמה, מיין עהרע, מיין צוקונפט — אַלץ! און איצט — איצט ווייס איך אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז. עפעס האָט זיך ביי מיר אָבגעריסען, עטוואָס שענעס, טייערעס, און געליעבטעס איז ביי מיר גרוי און וואָכענדיג געוואָרען. און וואָס וועט ווייטער זיין? מען זאָגט, אַז אַ האַרץ פון אַ פרוי איז לייכט צו געווינען. איז עס אויך אַזוי לייכט צוריק צו געווינען? פרובט זיך, און איך ווינש אייך און ווינש זיך, אַז דאָס זאָל אייך געלינגען. דערביי מוז איך אייך אָבער ערקלערען, אַז נישט קיין ענטשולדיגונגען ערוואַרט איך פון אייך, — דאָס האָט פאַר מיר קיין ווערט נישט. שטעלט זיך אויף אַ גלייכען וועג, און זעהט אויסצומיידען יעדען פעהלער, יעדע אונאַנשטענדיגקייט, דאַן וועט אפשר צוריק ווערען פאַר אייך דאָס, וואָס זי איז געוועזען

אייער טויף-געקרענקטע...

ליעבע, געשעצטע רחל!

איך ווייס נישט, מיט וועלכע ווערטער אָנצוהויבען מיין בריעף צו אייך. האַלטען זיך ביי דעם אָפיציעלען, אָנגעצויגענעם טאָן, ביי וועלכען עס האַלט זיך יעדער יונגער מענש, ווען ער קומט בעטען ביי אַ פריילין דאָס אַזוי-גערופענע „יאָ-וואָרט" — קען איך נישט: צו לאַנג זענען מיר שוין בעקאַנט און צו היימיש זענען מיר שוין צווישען זיך, אום צו קענען נאָך אַזאַ קאָמעדיע שפיעלען; זיך אַריינלאָזען ווידער אין דעם ים פון די בעקאַנטע, אָבגעדראָשענע מליצות, וואָס ווערען געוועהנליך בענוצט ביי אַזאַ געלעגענהייט — קען איך אויך נישט: מיין גאַנצען לעבען האָב איך געלאַכט דערפון און אויף וויפיעל איהר קענט מיך, פערשטעהט איהר זיכער אַליין אויך, אַז דאָס איז מיר אָרגאַניש אונערטרעגליך. וואָס-זשע, אַלזאָ, זאָל איך פאָרט טהון? איך מוז דאָך אייך ענדליך אַרויסזאָגען דאָס, וואָס איך טראָג שוין אַזוי לאַנג ביי מיר אין האַרצען און אייער וואָרט, רחל, אייער וואָרט וועגען דעם מוז איך דאָך ענדליך אויך הערען!

זאָל איך פֿרעגען? ... ניין, רחל, איך וועל נ י ש ט פֿרעגען! די צעהנד-ליגער פֿאַקטען פֿון אונזער יאָהרענלאַנגער בעקאַנטשאַפֿט, די אונצעהליגע ליבּטיגע, וואַרימע בליקען, וואָס איהר האָט מיר געשענקט אין דער לעצטער צייט; אייער האַלטען זיך, אייער רעדען, אייער בעציהונג צו מיר, אייער גאַנץ וועזען-אַלץ זאָגט מיר קלאָר און דייטליך, אַז איך האָב נישט וו אָ ס צו פֿרעגען, אַז איהר זענט מיינע, רחל, מיינע אויף אייביג, און קיינע שטורעמס פֿון עלטערן אָדער פֿון אַנ'אַנדער זייט וועלען נישט אימשטאַנד זיין אונז פֿונאַנדערצושיידען.

וואָס עס געהערט צו מיר, האָב איך שוין דעם ערשטען שריט ביי מיינע עלטערן געמאַכט, און איך האָף קיין גרויסע שוועריגקייטען אויפֿ'ן וועג נישט צו בעגעגענען-מיינע עלטערן זענען, ווי איהר ווייסט, גאַנץ נאָבּגיבּיג און אַזעלכע זאַכען, איצט האַלט עס ביי אייך אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ביי דיר, רחל! רעד מיט דיין מוטער און גיב איהר צו פֿערשטעהן, אַז זי מעג מיט אַ גאַנץ רוהיגען געמיט ערלויבען דיר צו פֿערבינדען דיין גורל מיט מיינעם און אַז—„שטאַרק, ווי דער טויט, איז די ליעבע"!...

דיין...

## געעהרטעס פֿרײַלין!

ווען איהר וועט ערהאַלטען דעם איצטיגען בריעף, וועל איך שוין, אונערוואַרטעט פֿאַר אייך און אויך פֿאַר מיר אַליין-אין וו. נישט זיין: עס האָט מיך אַ פּלוצלונגער צופֿאַל אַרויסגעפֿאָדערט קיין ג., און איך האָב די מעגליכקייט נישט געהאַט זיך זאָגאַר צו זעגענען מיט אייך. איך האָב מיך דאָס שרעקליכסטע פֿאָרגעשטעלט אין דער צייט, ווען קיין שרעקליכע זאַך איז אין דער ווירקליכקייט נישט פֿאָרגעקומען; דעם אמת אָבער מוז איך אייך זאָגען, אַז גענוג שרעקליך איז פֿאַר מיר שוין דאָס אַליין, וואָס איך וועל מוזען אַ לענגערע צייט דערווייטערט זיין פֿון אייך. פֿון די אַלע פּערזאָנען, צווישען וועלכע איך האָב מיך געפֿונען אין דער לעצטער צייט, זענט איהר די איינציגע, וואָס לאָזט זיך נישט פֿערטרעטען מיט קיין אַנדערער, און אין וועלכער געזעלשאַפֿט איך זאָל מיך נישט געפֿינען, שוועבט מיר אַלץ אַרום פֿאַר די אויגען אייער געזיכט מיט דעם מילדען, ענטציקענדען שמייכעל אויף די ליפּען! די צייט, וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין אייער געזעלשאַפֿט, איז פֿאַר מיר די ליכטיגסטע זייט פֿון מיין לעבענס-בוך, און קיינמאָל וועל איך נישט אויפֿהערען צו פֿערדאַמען דעם בייזען צופֿאַל, וואָס האָט מיך אָפּגעריסען פֿון אייך און אָפּגעקערט ביי מיר די שענסטע מינוטען פֿון מיין לעבען. פֿאַר אַ שטיקל טרייסט דיענט מיר נאָר דאָס,

וואס דער צופאל וועט נישט איבעריג דויערן, און איך וועל אין א קורצע צייט ארום בעפרייט ווערן פון זיינע הענד; שפעטסטענס אין 10 טאג ארום האף איך ווידער ביי אייך צו זיין, און מיר וועלט זיך גלויבען, אז איהר וועט נישט ענדערן אייער בעציהונג צו מיר און ווי ביז אהער אזוי אויך ווייטער, בלייבען גוט געזונט

צו אייער הערצליך־איבערגעגעבענעם פריינד און פערעהרער...

טייערע געעהרטער ה. מ.!

אייער אונערווארטעטעס אבפאהרען האט מיך נישט ווייניגער פון אייך איבערראשט און בעטריבט. נישט געפינענדיג קיין בעשטימטען מאטיוו, אום זיך צו ערקלערען אייער אויפהערען קומען צו אונז, האב איך אנגעהויבען זיך אליין צו בעשולדיגען אין דעם, און דאס האט מיך־איך זאג דאס אייך גאנץ אפען - זעהר טיעף געקרענקט. אייער איבערגעגעבענע פריינדשאפט מאכט מיך שטאלץ און האט פאר מיר א גרויסע בעדייטונג, און פערליערען זי פלוצלונג, צוליעב וועלכער ס'איז איינענער שולד—א, דאס וואלט פאר מיר א שטארקער, א שרעקליכער קלאפ זיין! איך האב א גרויסע צאהל בעקאנטע שוין פון יאהרען, און גאנץ אינטעליגענטע, און גאנץ קלוגע; קיין איינער פון זיי האט אבער נישט בעוויזען מיר אזוי נאהענט צו ווערן, זיך מיט מיר אזוי ענג צוזאמענצולעבען און מיך אזוי צו בעהערשען, ווי איהר האט עס בעוויזען אין דער קורצער צייט פון אייער ווייַלען זיך ביי אונז. אויב איינער פון אונז האט צו דאנקען דעם צווייטען פאר אנגענעהמע, גליקליכע מינוטען,—דארף איך עס טהון, נישט איהר; איך האב מיך ווירקליך גליקליך געפיהלט אין אייער געזעלשאפט און די מינוטען, וואס מיר האבען פערבראכט צוזאמען, וועלן נישט אזוי שנעל פערשוואונדען ווערן פון מיין זכרון שוין נאר דערפאר אליין, וואס איך האב נישט ווייניג געלערנט פון אייך, פון אייער איינגעארטיגער בעציהונג צו מענשען, צו ערשיינונגען און צו זאכען!

מעהר פון אייך פערדראס איך דעריבער דעם בייזען צופאל, וואס האט אייך אוועקגענומען פון מיר, און בעט עס זאלען וואס שנעלער אריבער די צעהן טאג, וואס שיידען מיר פון אייך און לאזען מיר נישט געניעסען דעם פערגעניגען פון אייער נאהענטער אנוועזענהייט.

קומט, ליעבער ה., קומט! עס ערווארטעט אייך מיט דער הייסעסטער אונגעדולד

אייער איבריגע פריינדין...

# ערשטע בריעף.

מיין ליעבע, טייערע טאכטעריל!

איך דאנק דיר זעהר, ליעבע חנה'לע, פאר דיין קליינעם בריוועל. זינט די ביסט אוועקגעפאהרען, דאכט זיך מיר, אז קיין זאך שטעהט ניט אויף אנ'ארט, די פעהלסט מיר, מיין טייערע, אויף יעדען שריט און טריט און דאם גרויסע הויז, וואו די פלעגסט פילדערען און טומלען זיך א גאנצען טאג, איז ווי וויסט געווארען. דוכט זיך, פינף טאג ביסטו נישטא אין דער היים און מיר קומט פאר, אז פון דיין אוועקפאהרען ביז היינט איז שוין אריבער א לאנגע, לאנגע צייט. ענדליך האסטו מיך מיט דיין בריעוועלע דערפרעהט, איך האב איהם צעהנדליגער מאל געלעזען און האב מיך זאט נישט געקאנט אנקוקען אויף דיין שוואכער, קינדערשער האנדשריפט. שרייב מיר, מיין טאכטער, און שרייב וואס אפטער. די האסט מיר פערשאפט אנ'עגמת-נפש און האסט זיך איינגעשפארט דוקא פאהרען און נ., טא קארג האטש נישט מיט דיינע בריוועלעך.

שרייב מיר, מיין ליעבע טאכטער, ווי פיהלסטו זיך ביי דער מאדאם גרינפעלד און שטיב, האסטו אלץ, וואס די בעדארפסט, צו דער צייט? ווי לעבסטו מיט איהרע קינדער און צי בענקסטו נישט נאך דערהיים? גיט מען דיר נישט ארוים צו-שווערע לעקציעס אין קלאס? איך בעט דיר, מיין טייערע, לעהרען זיך נישט בייכאכט פאר'ן פייער, די האסט דאך אזוי אויך שוואכע אויגען.

שרייב מיר, ווען די ליינסט זיך שלאפען, ווען די שטעהסט אויף, צי טהוט דיר אמאל נישט וועה דער קאפ? שרייב מיר אלץ אוים, קארג נישט קיין ווערטער; ווען די וואלסט וויסען וויפיעל פריוד דיין בריוועלע האט מיר פערשאפט, וואלסטו מיר אלע טאג געשריבען, נאר דאם פערלאנג איך פון דיר נישט.

א הארציגען גרוס דער מאדאם גרינפעלד און איהרע קינדערלעך.

דיין טרייע מוטער...

## מײַן טײַערער חיים!

שוין אַ האַלב יאָהר איז אַוועקגעגאַנגען זינט דו ביסט אַוועקגעפֿאָהרען זוכען דײַן גליק אין דער פֿרעמד און מיר דאַכט זיך, אַז יאָהרען זענען שוין אַריבער און מיר האָבען זיך שוין אַזוי דערווײַטערט איינע פֿון די אַנדערע, אַז עס איז כמעט אונגלויבליך, מיר זאָלען זיך ווידער צוזאַמענקומען. איך קאָן דיר, מײַן לעבען, גאָרנישט פֿאָרשטעלען, ווי עלענד איך פֿיהל מיך. אויף וואָסער זאַך איך גיב נישט אַ קוק, דערמאָהן איך מיך גלײַך אָן דיר; איך דערמאָן זיך, אַז דו פֿעהלסט מיר, אַז דו, מײַן איינציגער פֿרײַנד, ביסט ווײַט פֿון מיר און בײַ דעם געדאַנק גיסען זיך הייסע טרערען פֿון מײַנע אויגען.

די ערשטע צײַט איז נאָך געווען צו דערלײַדען, יעדע צוויי וואָכען פֿלעגסטו מיר שיקען בריעף און דײַן יעדער בריעף האָט מיר דערצעהלט, ווי שטאַרק דו ביסט צוגעבונדען צו מיר, ווי ווײַט איך פֿעהל דיר, ווי דו בענקסט אַהיים און גאַרסט די שעה, ווען מיר וועלען צוזאַמען זײַן. נאָר וואָס ווײַטער זענען דײַנע בריעף געוואָרען זעלטענער און יעדער נײַע בריעף האָט מיר בעשטעטיגט דעם שרעקליכען געדאַנק, אַז דו ווערסט קעלטער צו דײַן פֿאַמיליע, וואָס לעבט נאָר מיט דיר, גאַרט דיך צו האָבען אין דעם איינענעם קרײַז און האָט קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט אויסער דיר.

מײַן שרעקליכע לאַגע האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַפֿילו אויף די קינדערלעך, און זיי פֿרעגען מיך אַלץ: מאַמע, וואו איז דער טאַטע? ווען וועט ער צוריקקומען? און די דאָזיגע פֿראַגען שיטען מיר נאָך זאַלץ אויף מײַנע וואונדען: דען די זעלבע פֿראַגען פֿרעג איך זיך אַליין אויך, איך קלעהר אַלץ: וואו איז איצט מײַן ליעבער חיים? ווען וועל איך דערלעבען איהם צוריק צו זעהן? אָפֿטמאָל הייבען מיר אָן צו מאַטערען שרעקליכע בילדער: פֿיעלײַכט איז מײַן ליעבער מאַן קראַנק? פֿיעלײַכט האָט איהם אַן אומגליק געטראָפֿען?

איך קאָן מיר קיין עצה נישט געבען, וואָס צו טהון, זאָל איך דיך זידלען? צו שוואַך בין איך דערצו און צו טיעף ביסטו בײַ מיר אײַנגעגראָבען אין האַרצען. שווײַגען אָבער קען איך שוין מעהר אויך נישט—צו טיעף זענען מײַנע וואונדען און צו שטאַרק איז מײַן וועהטאָג. —

חיים! אויב דו האָסט נאָך אין האַרצען אַ פֿונק פֿון ליעבע צו מיר און דײַנע קינדער, זאָלסטו מיר תיכף לאָזען וויסען וועגען זיך — איך וויל חאָטש דײַן האַנדשריפֿט זעהען. איך קען מעהר נישט שרײַבען, די טרערען שטיקען מיך.. זיי וויסען, אַז פֿון דיר הענגט אָב מײַן לעבען!

דײַן אויף־אייביג איבערגעגעבענע...

# אַ תשובֿה.

## ליעבע טייערע פֿרוי,

איך האָב נישט ערוואַרטעט, אַז מיין שווייגען פֿאַר דער קורצער צייט וועט דיך אין אַזאַ פֿערצווייפֿלונג ברענגען און ערשט דאַן, ווען איך האָב דיין בריעף דורכגעלעזען, האָב איך דערזעהן, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע זינד איך בין בעגאַנגען נעגען דיר.

דו האָסט, טייערע חנה, אַ ביטערען טעות אויב דו גלויבסט, אַז איך האָב פֿערגעסען אָן דיר און אָן די קינדער; טאַקע דערפֿאַר אַליין, וואָס איך האָב נישט אויף צו טראַכטען און צו זאָרגען וועגען אייך, האָב איך פֿערזעהן צו שרייבען דיר אַ בריעף אין דער צייט און בערוהיגען דיך מיט די קינדערלעך.

די ערשטע צייט האָב איך דיר אָפטער און וואַרימער געשריבען, ווייל איך האָב נאָך געהאַט מעהר האָפֿנונג, איך האָב געהאַט מעהר אויסזיכטען אויף מאַכען גוטע געשעפֿטען און מיינע ערשטע פּראָבעס האָבען זיך מיר גלענצענד איינגעגעבען; און אויפֿגעמונטערט פֿון דער גליקליכער מעגליכקייט אייך, מיינע טייערע, מיט אַלעם גוטיגען צו בעזאָרגען, האָב איך געשריבען ליעבע און פֿרעהליכע בריעף.

ליידער אָבער האָבען זיך מיינע געשעפֿטען אין דער לעצטער צייט בעדייטענד פֿערערגערט; צו איין אונטערנעמונג האָב איך צוגעלייגט אַ גרויסען טייל פֿון מיין קאַפּיטאַל און אַ צווייטער געשעפֿט, וואָס איז שוין כמעט געוועזען ביי מיר אין דער האַנד, האָט זיך אויס געלאָזט מיט גאָרנישט; דערוויל האָב איך זיך פֿערדרעהט, שטאַרק פֿערענגט אין געלד און די לעצטע 30 רובל, וואָס איך האָב דיר געשיקט, זענען שוין גישט געוועזען מיינע; איך האָב דיר דאָס ביז אַהער נישט געוואָלט שרייבען, איך האָב נאָך ביז אַהער דעם מוט נישט פֿערלאָרען, — גרעסערע סוחרים ווי מיר טרעפֿען אַזוינע ענגע, אַזוינע פֿערדרעהטע צייטען, און מיר איז עס שוין בכלל נישט דאָס ערשטע מאָל. איך בין איבערצייגט, אַז ענדליך וועט מיר דאָך געלינגען ווי עס איז זיך צרוים דרעהען פֿון מיין איצטיגער שווערער לאַגע.

אָט דאָס איז, מיין טייערע, די סבה פֿון מיינע לעצטע קאַלטע בריעף, פֿון מיין פֿערשפּעטיגען אין אַרויסשיקען דיר געלד, פֿון מיין דרייוואָכענדיגען שווייגען.

איצט ווייסטו מיך, מיין טרייע פֿרוי, מעהר שוין נישט בעשולדיגען, אַז איך האָב אָן דיר און אָן די קינדערלעך פֿערגעסען. איך האָב אייך נישט פֿערגעסען, איהר זענט מיין איינציגער געדאַנק ווי ביי טאָג אַזוי ביי נאַכט; מיין איינציגער טרויס איז אייער גליק, אייער געזונד און אייער פֿרעהליכער

מוט, אויב איך פֿערגעס אימיצען איז גאר זיך. וואס איך וועל טהון, ווי וועל איך לעבען, — האט מיך קײנמאל נישט נעקימערט. איך זאל אפילו האבען פֿון וואס צו לעבען און אײך נישט קענען שטיצען, איך זאל אפילו געהן אין נאלד און נישט האבען א האפֿנונג אײך אין ניכען צו זעהן, וועל איך זיך שוין גליקליך נישט קענען פֿיהלען.

איך בין זעהר מוטיג אין טהעטיג און איך סטאַרע זיך נישט צו פֿערליערען דעם קאפּ אין מײן איצטיגען געלד-קריזיס, אין איך האף אין גיכען צו זײן אימשטאַנד אײך צו שרײבען פֿרעהליכערע בריעף. איך האב דא פֿילע בעקאַנטע און גוטע פֿרײנד, וואס וועלען מיר בײשטעהן אין דער איצטיגער צײט. ערווארט פֿון מיר א בריעף די טעג, איך קוש דיך אין די קינדערלעך.

דײן טרײער...

---

## ליעבער פֿרײנד.

פֿרעגסט מיר אן אין דײן בריעף, ווי איך פֿיהל מיך אין דער רוסישער שטאָדט אויסער'ן „תהום"? דערויף קאן איך דיר קאטעגאריש ענטפֿערען: שלעכט. אמת, אין קאמערציעלער הינזיכט איז מיר דא א סך לײכטער, ווי בײ אונז אין שטאָדט; דא איז די קאנקורענץ נישט אזוי שטאַרק, געשעפֿטען וואלגערען זיך און ווארטען אויף א טיכטיגען אונטערנעהמער, וואס זאל פֿערשטעהן ווי אזוי זײ אויסצונוצען. און מיט'ן קריסט קען מען אויך גאַנץ לײכט דורכקומען; — איך האב מיך שוין זאגאר ערווארבען אײניגע אמת'ע גוטע פֿרײנד פֿון דער היגער האַנדעלס-וועלט — אבער גוט פֿיהל איך מיך נישט. עס פֿעהלט מיר דא די יודישע אטמאספֿערע, די יודישע גאס און די יודישע בעפֿעלקערונג, וועלכע איז מיר סוף כל סוף ליעב און טײער. עס זענען דא פֿאַרהאַן אײניגע יודישע פֿאַמיליעס, תושבים; די דאָזיגע יודען קענען אבער נישט פֿערבײטען אונזערען א ג.-ער יודען. זײ זענען, אפשר, יודען אין זײער הארצען, אבער אין זײערע אויסערליכקײט, אין זײער שפּראַך און געוואָהנהײטען זענען זײ אמת'ע רוסען. און דאס אלײן האלט מיך ווײט פֿון זײ.

בעזונדערס שטאַרק פֿיהל איך מיך עלענד אין די יודישע ימים טובים; דאן פֿיהל איך זיך אבגעריסען אז פֿון דער יודישער שטאָדט, וואו איך האב פֿערבראַכט מײנע בעסטע יונגע יאָהרען, אז פֿון דער רוסישער שטאָדט, וואו איך געפֿין מיך, דוכט זיך, גאַנץ צופֿעליג.

וואס אמאל ווײטער שטעהט פֿאַר מיר אויף אלץ דרינגענדער די פֿראגע: מײנע קינדער וואַקסען אונטער, הײבען אן זיך צו ענטוויקלען און אויסצובילדען זײער כאַראַקטער אויף זײער גאַנצען לעבען. ווי אזוי זאל איך

מאַכעֶן, עֶס זאָלעֶן פֿוּן זײַ אױסוואַקסעֶן יודעֶן? פֿוּן דעֶר אַנדעֶר זײַט שרעֶקט מִיך דאָס ווידעֶרקעֶהרעֶן אִין ג., וואוּ אִיך האָב מִיט פֿינף יאָהר צוּריק מײַן האָב אוּן גוּטס פֿעֶרלוירעֶן.

יעֶדעֶן אײנעֶם, וואָס האָט בּעֶוויזעֶן זִיך אײַנצוּאָרדעֶנעֶן אִין אַ יוּדִישעֶר שטאָדט, בּעֶטראַכט אִיך פֿאַר אַ גלִיקלִיכעֶן, ווײַל נִישט נאָר אוּיף פּרנסה אַלײן שטעֶהט דעֶם מעֶנשעֶנס לעֶבּעֶן.

גרִיס אִין מײַן נאָמעֶן אַלעֶ מײַנעֶ יוּגעֶנד-פֿרײַנד אוּן זאָג זײ, אַז וואַיל אִיז דעֶם, וואָס קעֶן זײַן צווִישעֶ יוּדעֶן...

דײַן...

## א פרוי צו איהרער א נאהנטער קרובה.

ליעבע חוה!

מיט'ן גרעסטען פערגניגען האב איך איבערגעלעזען דיין לעצטען בריעף און איך בין זעהר צופרידען, וואס איך קען פון היינט אן צורעכענען דעם הער קלוג צו אונזער משפחה. איך קען איהם שוין פון לאנג אלס אנשטענ־דיגען מענשען, ער איז מיט פיעלע פון מיינע בעקאנטע געשטאנען אין נאה־ענטע בעציהונגען און יעדער איינער פלעגט אבגעבען וועגען איהם די בעסטע מיינונג. זייענדיג אליין א טיכטיגער מאן, וועט ער, זיכער, אויך פערלאנגען, אז דו זאלסט אין א שטרענגער ארדנונג האלטען דיין ווירטשאפט, וואס עס וועט דיר לייכט געלינגען, ווייל שוין אין דיינע עלטערינ'ס הויז האסטו גענומען א לעבענדיגען אנטהייל אין דער הויז-פיהרונג. אויסערדעם, בין איך זיכער, אז דו וועסט וויסען ווי זיך צו האלטען, אום צו פערדינען די צופרידענהייט און די אכטונג פון דיין מאן, און האף, אז דאס פאמיליענגליק וועט נישט אויפ־הערען צו הערשען אויך ביי אייך אין הויז, אזוי ווי עס הערשט ביי אלע מיטגליעדער פון אונזער גרויסער משפחה. אלס ערפאהרענע פרוי, און איבערגעבענע מוהמע קען איך דיר נאך עטליכע עצות געבען בנוגע צום פאמיליענלעבען און וואס וועלען דיר אפשר צונויץ קומען: הער זיך נישט צו צו קיינע רכילות, דורך זיי ווערט אפט פערביטערט דאס פאמיליענגליק; און אויב דו וועסט אמאל בעמערקען, אז דיין מאן איז שוואר־מוטיג און שלעכט געשטימט, ווי עס טרעפט אפט ביי געשעפטס-מענשען, — בעמיה דיך איהם אומצוקעהרען זיין פרעהליכקייט און מיט אלע מעגליכקייטען צוצושטרייען. האב נישט קיין פאראיבעל אויף מיינע עצות און ווארנונגען: נאר מיין הערצליכע ליעבע בעוועגט מיר דיר דאס אנצוזאגען. גריס און מיין נאמען דיין מאן און פערשאפט מיר פערגעניגען מיט אייערע אפטע בריעף.

דיין איבערגעגעבענע,

## אַ עלטערער ברודער צו אַ שוועסטער.

(אַ בעגריסונג צו תנאים).

ליעבע שוועסטער!

דיין ליעבליכער בריעף האָט מיך זעהר דערפרעהט; — הייסט עס, איך דו האָסט געפונען אַ ליעבענדען מענשען, מיט וועמען דו האָסט בעשלאָסען צו פערברענגען דיינע יאָהרען און מיט וועמען דו גאַרסט צו פערבינדען זיך אויף אייביג, דיין אויסוואַהל געפעהלט מיר זעהר, איך בין שוין פון לאַנג אָן געווען איבערצייגט, אַז דו וועסט מעהר אַכט געבען אויף די אינערליכע מעלות, ווי אויף דער אויסערליכקייט, דעם מאַנס צירונג איז דאָך נישט זיין פיגור, נישט זיין געזיכט, נאָר זיין תוך, זיין האַרץ און פערשטאַנד, זיינע מאָראַלישע אייגענשאַפטען און זיין בעשטאַנד פיהרען דיך ארויף אויף אַ העכערער געזעלשאַפטליכער שטופע; אַ פרוי איז עולה לגדולה צוזאַמען מיט איהר מאַן און ווערט דערנידעריגט צוזאַמען מיט איהם. איך שרייב דיר דאָס נישט, אום דיר צו לעהרנען, נאָר כדי צו פערשטאַרקען אין דיר דיין בעשלוס, וועיל דיין אויסערוועהלטער האָט פאָלשטענדיג פער־דיענט דיך צו האָבען פאַר אַ פרוי. הלואי זאָלסטו מיט איהם זיין אַזוי גליקליך, ווי דו בירזט עס ווערט און הלואי זאָלען אַלע איערע פערלאַנגען דע־פיעלט ווערען.

איך ווינש דיר, ליעבע שוועסטער, אַ דויערענדען גליק, וואָס איז גע־גרינדעט אויף אַן'אינערליכען, טיעפען גלויבען און אויף גענענזייטיגע ליעבע און אַכטונג. אַט דער גליק ווערט נישט געמינדערט אויך דאַן, ווען די יוגענד פערשווינדט, — עס בלייבט אונגעשטערט און ענדיגט זיך צוזאַמען מיט'ן לעצטען אָטעם־צוג.

זיי געזונד, מיין ליעבע שוועסטער, גליקליך, ווי עס ווינשט דיר,

דיין ליעבענדער ברודער.

---

## צו אַ ברודער.

ליעבער ברודער!

מיט אמתער פרייד האָב איך געליזענט דיין בריעף מיט דער ידיעה וועגען דער פערבעסערונג פון דיין לאַגע. פאַר וואָס שרייבסטו מיר נאָר נישט וועגען דיין געזונד און וועגען דעם צושטאַנד פון דיין ליעבע פרוי און שענע קינדערלעך.

איך דאַנק דיר זעהר, טייערער ברודער, פֿאַר דער געלד-שטיצע, וואָס דו האָסט מיר אָנגעבאָטען, חאָטש איך האָב נישט בדעה צו בענוצען זיך דערמיט, מיין טיכטיגקייט און שפּאָרזאַמקייט גיעבען מיר די מעגליכקייט צו בעפֿריעדיגען אַלע מיינע בעדערפֿענישען און נאָך איבעריגעס — יאָג איך זיך אַליין נישט. נאָר דאָך וועל איך דיר געבען אַ געלעגענהייט אַרויסצוווייזען דיין ברודערליכע גינסטיגקייט, ווענדענדיג זיך צו דיר מיט אַ בקשה וועגען מיין עלטערען זוהן פ., וואָס איז שוין אויסגעוואַקסען אַ גרויסער בחור; בעמערקענדיג אין איהם אַ שטאַרקע נייגונג צו לערנען זיך און נישט זייענדיג אימשטאַנד צו בעפֿרידיגען זיין וואונש אין דערהיים, וויל ביי אונז אין קליינעם שטעדטיל זענען נישטאָ קיין שוהלען, האָב איך ביי זיך בעשלאָסען איהם צו שיקען אין דיין שטאָדט, וואו ער וועט געוויס געפֿינען פֿאַר זיך די פּאַסענדע לעהרער און ערציהער. איך וואָלט וועלען, ער זאָל דאָרט זיך פֿערפֿאָלקאָמענען אין זיינע קענטנישען און דאַן זאָל ער זיך אַליין אויסוועהלען אַ וועג אין לעבען, זיך אָבגעבענדיג מיט וויסענשאַפֿט אָדער מיט מסחר.

איך בעט דיך דעריבער, טייערער ברודער, צונעהמען מיין זוהן צו זיך אין הויז אונטער דיין אויפֿזיכט און געבען זיין אַרבייט אַ געהעריגע ריכטונג. אויב דו וועסט מיר לאָזען וויסען וועגען דיין איינשטימונג, וועל איך איהם גלייך אַרויסשיקען צו דיר. וואָס עס אַנבעלאַנגט צו די הוצאות, וואָס דו וועסט אויף איהם מאַכען, וועל איך דיר זיי אומקעהרען מיט'ן גרעסטען דאַנק.

ערוואַרטענדיג דיין שנעלען ענטפֿער בלייב איך

דיין איבערגעגעבענער...

# א תשובה.

ליעבער ברודער!

דו האָסט, ווירקליך, ביי מיר אויסגעהאַפּט דיין בקשה. איך האָב שוין לאַנג פֿון פֿערשידענע עוברים ושבים געהערט וועגען די גוטע מעלות פֿון דיין עלטערען זוהן, און אין מיר האָט זיך דערוועקט אַ טיעפֿער פֿערלאַנג צו דערקענען איהם פּערזענליך און צונעהמען איהם צו זיך אין הויז, כּדי ער זאָל צוזאַמען מיט מיינע קינדער קענען גענוסען די בעקוועמליכקייטען פֿון דער גרויסער שטאָדט; נאָר איך האָב ביי זיך נישט געקענט פּועל'ען, דיר דאָס פֿאָרצושלאָגען ווסענדיג, אַז דיר וועט נישט לייכט זיין צו שיידען זיך מיט דיין געליעבטען זוהן. איצט אָבער, ווען דו אַליין פֿערלאַנגסט עס, בעט איך דיר מיט'ן גאַנ.

צען האַרצען צו פערשאַפען מיר דעם פערגניגען צו האָבען דיין זוהן אין דעם קרייז פון מיין פאַמיליע. איך וועל גערן אכטונג געבען אויף איהם, איהם אָרומרינגלען מיט אַלע לעבענס-בעקוועמליכקייטען און געבען אַלע מיטלען צו בילדונג גלייך מיט מיינע אייגענע קינדער; מיט איין וואָרט, איך וועל דאָ זעהן צו פערטרעטען פאַר איהם דעם אָרט פון אַ פאָטער אַזוי, אַז ער וועט זיך גאָר נישט האָבען וואָס צו זאָרגען וועגען איהם. נאָר, איך בעט דיר, זאָלסט מיר מעהר קיין וואָרט נישט דערמאָנען וועגען בעלוינונג. איך וועל זיין פאָלשטענדיג בעפרידיגט, אויב דיין זוהן וועט דערגרייכען זיין ציעל און עס וועט פון איהם אויסוואַקסען אַ געבילדעטער און ניצליכער מענש.

ערוואַרטענדיג דיין זוהן, בלייב איך

דיין...

---

## א זוהן צו א פאָטער.

ליעבער פאָטער!

נעכטען אָבענד בין איך אַהער בשלום געקומען צו פאָהרען און בין תיכף אַוועק צו מיין פעטער, וואָס האָט מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען, אונצעהליגע מאָל געקושט און מיר אָנגעוויזען ביי זיך אין הויז אַ צימער, וואָס ער האָט בעשטימט פאַר מיר פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך וועל דאָ פערוויילען.

זייענדיג זעהר מיעד פון מיין לאַנגע רייזע, בין איך באַלד אַוועק צו זיך אין צימער און ערשט היינט נאָכמיטאָג האָב איך בעזוכט אין דער בעגלייטונג פון מיינע קוזינען דיינע פריינד און זיי איבערגעגעבען דיינע רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף. זיי אַלע האָבען אויסגעדריקט זייער בערייטקייט צו מיטהעלפען מיר אין דערגרייכונג פון מיינע ציעלען.

איצט, מיין ליעבער פאָטער, ערפיל איך מיין הייליגסטע פליכט דיר אויסצודריקען מיין טיעפסטע דאַנקבאַרקייט פאַר אַלע טובות, וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן פון דער ערשטער מינוט פון מיין עקזיסטענץ ביז היינטיגען טאָג. מיט וואָס קען איך דיך בעלויהנען פאַר דיין ליעבע און דיינע פריינדליכקייטען? איך פערמעג נישט קיין גענוג-שטאַרקע ווערטער, אום אויסצודריקען די דאַנקבאַרקייטס-געפיהלען, מיט וועלכע מיין האַרץ איז איבערפילט צו דיר.

אַלזאָ, נעהם אָן, מיין ליעבע פאָטער, אַלס דאַנק מיין פערזיכערונג

צו שטערבען צו ווערען א געבילדעטער, ניצליכער מיטגליעד פון דער געזעל-
שאפט, כדי איך זאל זיין ווערט צו זיין דיינער א זוהן.

גריסענדיג הערצליך די ליעבע מוטער און מיינע טרייע ברידער,

פערבלייב איך
דיין...

# א זוהן לאזט וויסען זיין פאטער וועגען דעם טויט פון זיין ברודער.

טייערער ליעבער פאטער.

זאל דיין טיעפע אמונה און דער געטליכער השגחה דיר העלפען רוהיג
ארובערטראגען די טרויעריגע בשורה, וואס איך וועל איצט איבערגעבען מיט
מיין ציטערענדער פעדער. א, וואס פאר אנ'אומגליק! איך געפין מיך אין
א שרעקליכער פערצווייפלונג און בין קוים אימשטאנד צו האלטען די פעדער.
מיין טייערער פעטער, דיין גוטער, עהרליכער ברודער איז נפטר געווארען!
נעכטען אום האלבע נאכט האט דער טויט איהם פון אונז אוועקגערויבט און
פערטונקעלט אונזער'ע געזיכטער. ער איז געשטארבען נאך א דרייוואכענדי-
גער, שווערער קראנקהייט. עס האבען נישט געהאלפען די בעמיהונגען פון
די היגע בעסטע דאקטוירים — זיין טויט איז געווען אונפערמיידליך. היינט
אין דער פריה איז פארגעקומען זיין לויה, אין וועלכער עס האבען זיך בע-
טייליגט די אנגעזעהענסטע איינוואוינער פון אונזער שטאדט. ערשט מיט
צוויי שטונדען צוריק בין איך געקומען פון בית-הקברות, און איך בין נאך
אלץ שטארק צערודערט און מיר איז שווער צו שרייבען. מארגען וועל איך,
אפשר, זיך בערוהיגען און איך וועל דיר קענען אויספיהרליכער בעשרייבען
זיין טויט און איבערגעבען דעם אינהאלט פון זיין צואה, זאל דער אלמעכטי-
גער אונז טרייסטען און פערהיילען די טיעפע וואונד פון אונזער הארץ

דיין אייביג-ליעבענדער..

# א דאנקבריעף צו א דאקטאר צוזאמען מיט א מתנה.

פיעל געעהרטער העד!

איך לויב און אכט אין אייער פערזאן דעם רעטער פון מיין לעבען
און דעם אויפריכטער פון מיין צושטערטען געזונד. פאר יעדען צוקינפטיגען
פערגניגען, וואס איך וועל געניסען פון מיין בעסטער עקזיסטענץ, דארף איך
דאנקען פריהער נאט און דערנאך אייך און אייער אונערמידליכער מוה,

אייער פאך-קענטניס און אייער קונסט און געווינסענהאפטיגקייט. אויסדריקענדיג מיין טיעפסטע דאנקבארקייט צו אייך, בעט איך אייך אינטערטעניגסט אנצונעהמען די ארויסגעשיקטע סומע, וועלכע איך שענק בלויז לויט מיינע געלד-מיטלען און נישט לויט מיין אונענדליכער דאנקבארקייט, אלס אהן אנערך גרעסערע בעלויהנונג וועט פאר אייך דיענען דאס בעוואוסטזיין, אז איהר האט גערעטעט א מענשען'ס לעבען און איהר האט אומגעקעהרט א פאמיליע איהר שפייזער. איך ווינש אייך אל-דאס גוטס

אייער . . .

---

## א רעקאמענדאציע פאר א יונגען מענשען אויף א שרייבער-שטעלע.

געעהרטער הער!

איך האב ערפאהרען, אז איהר ברויכט צו האבען א גוטען שרייבער, וואס זאל קענען פערוואלטען אייערע געשעפטען, אויב איהר האט נאך אזעלכען נישט געפונען, קען איך אייך פארשטעלען א יונגען מענשען, נעמליך, דער איבערגעבער פון דעם דאזיגען בריעף, וועלכער קען זיך אליין גלעצענד רעקאמענדירען מיט זיינע פעהיגקייטען און קענטנישען, ער שרייבט שנעל, שיין און רעגעלמעסיג און פערשטעהט די פראנצויזישע און ענגלישע שפראכען. ביז אהער האט ער זיך בעשעפטיגט מיט לעקציאנען און מיט זיינע פערדיענסטען האט ער ערנעהרט זיך און זיין אלטע מוטער, איך קען איהם שוין זינט איניגע יאהר און איך קען אייך פערזיכערען, אז ער האט תמיד זיך אנשטענדיג אויפגעפיהרט און פאר זיין שיינע האלטונג איז ער פון אלעמען געריהמט געווארען; איך צווייפעל נישט, אז ער וועט זיך ערווערבען אייער ליעבע און צוטרוי מיט זיין פלייסיגקייט און דער פונקטליכער אויפפיהרונג פון אייערע פעראָרדנונגען. אונטער אייער לייטונג וועט ער בעקומען די בעסטע מעגליכקייט צו צוגעוואהנען זיך צו געשעפטס-פיהרונג, און דאס וועט איהם דיענען אלס פונדאמענט פאר זיין צוקינפטיגען גליק, און פאר דער פעזיבערטער, רוהיגער עלטער פון זיין מוטער, האפענדיג, אז איהר וועט נישט צושטערן די האפנונג פון דעם סימפאטישען יונגען מאן, פערבלייב איך

אייער . . .

---

ליעבער ד. ר.!

נאָר וואָס האָב איך ערהאַלטען דיין בריעף פון 18-טען ד. מ., און ס'איז מיר צו ענטפערן. דו ווילסט ווּיסען, וואָס ס'איז געוואָרען פון מיינע האָפנונגען, פון מיינע חלומות, און וואונדערסט זיך, פאַר וואָס איך האָב דיר שוין ביז אַהער וועגען דעם נישט געשריעבען. ביזט גערעכט, מיין פריינד, חאָטש איין גאָט אין הימעל איז מיין עדות, אַז איך בין אויך נישט שולדיג; כ'האָב דיר נישט געשריעבען ביז אַהער און קען דיר נאָך איצט אויך שרייבען, וואָס ס'איז געוואָרען פון מיינע חלומות, וויל ס'איז נאָך דערווייל פון זיי גאָרנישט געוואָרען און פערשוואונדען אינגאַנצען זענען זיי אויך נישט, דאָס אַלץ, אויף וואָס איך האָב געלעגט מיינע האָפנונגען, האָט נאָך, איינענטליך, איצט אויך די קראַפט נישט פערלוירען, און ס'איז רעכט, אַז יעדע קומענדיגע מינוט זאָל מיך ברענגען צו דעם ערוואַרטעטען ציעל; דאָ איז אָבער מיט מיר אויך פאָרגעקומען דאָס, וואָס עס קומט געוועהנליך פאַר ביי אַזאַ פאַל: עס האָבען זיך געמאַכט אַ מאַסע קליינע, נישט פאָרויסגעזעהענע סבות און מניעות, וואָס האָבען געשטערט דעם גאַנצען גאַנג פון דער זאַך און פאַראַליזירט אויף אַ געוויסער צייט מיין טעטיגקייט. אין אָנהויב האָט דאָס אויף מיר שטאַרק געווירקט און איך האָב אָנגעהויבען צו פערליערען דעם מוט; איצט אָבער פיהל איך מיך פיעל שטאַרקער און פעסטער! אַ גרויסען טייל פון די דערמאָהנטע מניעות איז מיר שוין געלונגען צו בעזייטיגען און די איבריגע האָף איך אויך לייכט בייצוקומען, אַזוי אַז דער ערפאָלג פון מיין אונטערנעהמונג איז מעהר אָדער ווייניגער, געזיכערט.

וואָס עס געהערט צו אונזער פריינד ב. האָב איך אויך נישט קיין בעדייטענדע נייעס דיר מיטצוטיילען. ער איז, ווי שטענדיג, מונטער און פרעהליך, און לעבט, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „מיט דער סעקונדע". איך בעגעגען איהם גאַנץ אָפט, און דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געטראָפען ביי אונזער בן עיר ק.; דער לעצטער האָט איצט ביי זיך אַ גאַסט: זיין ווייב'ס קוזינע, די שענע ר—ל. —

שרייב, וואָס דו מאַכסט, און בלייב מיר האַרציג געגריסט

דיין...

---

טייערער!

אַ דאַנק, אַ האַרציגען דאַנק דיר פאַר דיין שענער מתנה און פאַר דעם נאָך שענערן בריעף. איך האָב איהם געלייענט מיט אַ פערחאַפטען אָטעם און

אַ גאַנצער שטראָם פון די שענסטע יוגענד-חלומות האָט צוריק, ווי לעבעדיג פריש ערוואַכט אין מײַן זכרון, געדענקסטו נאָך יענע ליכטיגע צײַט, טראַנסטו נאָך אין האַרצען דעם זאַפטיגען אַראָמאַט און די פערשכור'נדע וואַרימקײַט פון אונזער לעבענס-פריהלינג? אָ, מרים לעב, מיר דאַכט זיך אָפט, אַז יענע טעג וועלען זיך שוין קײנמאָל, קײנמאָל נישט אומקעהרען! איך בין גאַנץ ווײַט פון פעסימיסטישע שטימונגען און בכלל האָב איך קײן גרונד נישט, פאַראויסצוזעהען פאַר זיך אין דער צוקונפט שלעכטע צײַטען; יענע טעג אָבער, די טעג, וועלכע מיר האָבען פערבראַכט צוזאַמען אין דעם צושטאַנד פון האַלב-ווילדער פערשכור'טער פרעהליכקײַט, — האָבען פאַר מיר אַ בעזונדער חן, אַ בעזונדער צויבער, און אַזױ גליקליך זײַן, וועל איך שוין, דאַכט זיך, קײנמאָל נישט. אײנמאָל נאָר איז מען יונג, און דעם מענשליכען לעבענס-יאָהר איז נאָר אײן פריהלונג פערהאַן", — און דעם אײנציגען פריהלינג האָבען מיר שוין איבערגעלעבט. ס'אונז לעכערליך דאָס צו בעדויערן; ווערסטו זאָגען; מ'דאַרף לעבען מיט דעם איצטיגען טאָג און זיך בעפריעדיגען מיט די פערגניגענס פון דער לעצטער מינוט, כ'ווײס, טײַערע, כ'ווײס ס'ם גאַנץ גוט, און דאָך זאָג איך דיר גאַנץ אָפען: צעהן פערגעניגענס פון מײַן איצטיגען לעבען וואָלט איך אָוועקגעגעבען פאַר אײן סעקונדע פון אונזער פריהלינג, פאַר אײן סעקונדע פון אונזער אַמאָליגען גלוט, פון אונזערע אַמאָליגע שטיפערײַען.

שרײַב אָפטער, ליעבע, — איך קוש דײַנע בריעף און לײען זײ מיט דײ ענטציקונג.

---

## זעהר געעהרטע פרײַנדין!

איהר פרעגט מיך, ווי איך האָב אויפגענומען די ידיעה וועגען אײַער שאַרפען אַרויסטריט נעגען ה' נ. ז אַט האָט איהר מײַן אויפריכטיגע, בערעכענטע תשובה:

איהר האָט געהאַנדעלט גאַנץ גערעכט און זאָל אײַער געוויסען גאַנץ רוהיג זײַן; דער ה' האָט קײן רעכט נישט געהאַט איבערצוטרעטען די שוועל פון אײַער הויז נאָכדעם, ווי איהר האָט איהם שוין נישט אײנמאָל ערקלערט, אַז אײַערע עלטערן צווינגען אײַך איהם אַנצוערקענען אַלס חתן און מאַן, וועהרענד איהר פערזענליך קענט איהם נישט פערטראָגען און אײַך איז שווער צו זײַן מיט איהם צוזאַמען. און האָט ער זיך נאָך דעם אַלעמען ערלויבט, זיך צו רעכנען מיט די צוואַנגס-מיטלען פון אײַערע עלטערן מעהר, ווי מיט אײַער פערזענליכען ווילען, האָט ער זיך דערמיט אַליין

נאָכמעהר פֿעראורטיילט און פֿאָלקאָם פֿערדיענט די שאַרפֿע פֿעראַכטונג, וואָס איהר האָט איהם ענדליך אַרויסגעוויזען. עס איז גענוג טרויעריג שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס איהר זענט צו שוואַך אַרויסצוטרעטען געגען אייערע עלטערן גופא; אָט די פֿערבוסענע, איינגעבילדעטע מענשען זהאָבען אונגאַנצען פֿערגעסען, און וועלכער צייט זיי לעבען, און זיי בעטראַכטען זייער קינד אַלס איינענטום, אַלס זאַך, מיט וואָס זיי קאָנען מאַכען, וואָס זיי ווילען. דאָס איז דאָך אָבער שרעקליך!

איך מוז אייך דעם אמת זאָגען, געעהרטע פֿריינדין —: איך בעוואונדער אייער געדולד. אַלס זייטיגע פּערזאָן האָב איך, נאַטירליך, קיין רעכט ניט, זיך אַריינצומישען און די אונערליכע אַנגעלעגענהייטען פֿון אייער לעבען; קוים האָט איהר זיך אָבער געווענדעט צו מיר, ווי צו אַ פֿריינד, ווי צו אַ נאָהענטען מענשען, מוז איך אייך קלאָר און אָפֿען זאָגען: זייט שטאַרק! יעדער מענש איז איבער זיך אַליין אַ אונבעגרענעצטער הערשער, און קיינער, אָהן אַ שום אויסנאַהם, האָט קיין רעכט ניט, זיך אַריינצורייסען אין זיין ממשלה און אוהם אַ דעה צו זאָגען, וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך. עלטערן האָבען נאָר אויף אַזוי פּועל אַ רעכט איבער זייערע קינדער, אויף וויפֿיעל די לעצטע נויטיגען זיך און זייער הילף; קומען זיי אָבער צו זייער אייגען בלוט מיט בעפֿעהלען און געוואַלט־פֿאָדערונגען, זענען די קינדער פֿערפֿליכטעט זיי צו דערמאָהנען, אַז זיי זענען ניט קיין שקלאַפֿען און ניט קיין אייגענטום, נאָר פֿרייע מענשען, מיט אַ אייגענעם ווילען און מיט אייגענע פֿערלאַנגען.

כ'בעט אייך נאָכאַמאָל ענטשולדיגונג פֿאַר דעם טאָן, מיט וועלכען איך האָב זיך ערלויבט צו רעדען וועגען אייערע עלטערן; איהר האָט פֿערלאַנגט פֿון מיר דעם „ריינעם אמת“, און איך האָב אייך געמוזט שרייבען דאָס וואָס איך פֿיהל און טראַכט.

אייער איבערגעבענדער פֿריינד...

## ליעבער ח. ק.!

אויף דיין פֿראַגע וועגען אונזער בעקאַנטען ד. קען איך דיר פֿאָלגענדעס ענטפֿערן: ער געפֿינט זיך דאָ און וו. און ווי איך האָב געהערט פֿון פֿערשיעדענע מענשען, מאַכט ער גאַנץ גוטע געשעפֿטען. איך אַליין זעה איהם גאַנץ זעלטען, ווייל ער וואוינט און דעם צווייטען עק שטאָדט, און

מיר קומט נישט אוים דאָרטען צו זיין, נאָר אויב דו פערלאַנגסט עס דורכ־
אוים, קען איך דיר צולויב טאָן און אַריבערגעהן צו איהם; און דעם פאַל
מוזטו מיר אָבער שרייבען, וואָס איך האָב איהם איבערצוגעבען און דיין
נאָמען. ביי מיר אַליין איז און דער גאַנצער צייט קיין בעזונדערעס נישט
פאָרגעקומען: מ'אַרבייט און מ'לעבט. וואָס הערט זיך מיט דיין מסחר? שרייב
גלייך און פערגעס נישט איבערצוגעבען מיין הערצליכסטען גרוס דיין פרוי.

דיין...

# יוגענד־אלבאם.

(געשענק־אויפשריפטען, אלבאם־אויפשריפטען, וויען־ליעדער, חתונה־טאסטען, געבורטסטאג־טאסטען, אפארוזמען וועגען ליעבע).

---

## I געשענק־אויפשריפטען:

דעם הארציגען פריינד...
א מתנה.
צום אנדענקען פון טיעפער ליעבע און אכטונג
(פון נאמען).

---

— זאל אייך דאס קליינע געשענק דערמאהנען אן דעם וואס וועט אייך קיינמאל נישט פערגעסען!..

---

דער ליעבער...
צום צייכען פון הארציגער דאנקבארקייט פאר א סך גליקליכע מינוטען פון...

---

— האלט עס טייער, ווי א ערלינערונג וועגען מיר!..

---

## II אלבאם־אויפשריפטען:

מיר מעגען זיין פון ווייטען, ס'מעגען ימים אונז צושיידען,
דאך וועלען מיר זיך זעהן, ליעבען און צוזאמען רעדען!..

---

## אין אַלבאָם.

(פֿון לאָרד בײַראָן).

ווי אויף אַנ'איינזאַמען מצבה־שטיין
בעגעגענט מען אַ נאָמען פֿון אַ פֿריינד,
אַזוי, נאָך לאַנגע יאָהרען, זאָלסטו מיין בילד זעהן
פֿון אויפֿשריפֿט, וואָס איך גיב דיר היינט!

און אַז דו וועסט דערמאָנען זיך אָן מיר,
גאָר אפשר אין אַ טרויעריגער שעה,
זאָלסטו טראַכטען דאַן פֿון מיר שוין, ווי פֿון אַ מת,
און ווייס: עס איז מיין האַרץ בעגראָבען דאָ...

* *
*

## פֿון נאַדסאָן.

ביזטו מיין פֿריינד,
אַהער גיעב דיין האַנד!
מיר וועלען שטרייטען
און ליידען באַנאַנד!

פֿיינד? שטעל דיך פֿריי,
פֿעסט מיר אַנטקעגען!
נאָר אַראָב פֿון וועג
אויב ס'איז דיר נישט געלעגען!

י. ל. פּרץ.

* *
*

מעגען זיין די שענע שעה'ען לאַנג פֿערשוואונדען, —
ס'האַלט זיי תמיד די ערינערונג פֿערבונדען!

* *
*

ליעבע שוועבט אויף אַלע וועגען,
טרייהייט וואוינט פֿאַר זיך אַליין;
ליעבע קומט אונז ראַש אַנטקעגען,
צו דער טרייהייט מוז מען געהן!

געטהע.

* *
*

דו ווילסט איין וואָרט? נישט מעהר, נישט מינדער,
נאָר וועניג איז פאַר מיר איין וואָרט:
איך בין אַ פריינד פון שענע קינדער,
„איך ליעב דיך". דריי ווערטער אויפ'ן אָרט!

גלײַם.

* *
*

די עראינערונג איז דער איינציגער גן־עדן, פון וועלכען מיר קענען נישט אַרויסגעטריבען ווערען — אַפילו ביי אָדם מיט חוה'ן האָט מען איהם נישט צוגענומען...

וישאַן פּאָל,

* *
*

די מעהרסטע עראינערונגען זענען וואַסער־פּלאַנצונגען, וואָס לעבען פון טרערען...

וישאַן פּאָל,

* *
*

דאָס לעבען איז בלויז איין סעקונדע, לעב די סעקונדע אין דו לעבסט דאָס גאַנצע לעבען,

* *
*

## האָפּ און גלויב!

האָפּ! נישט ווייט איז שוין דער פריהלינג,
ס'וועלען שמעטערלינגע שפּרינגען!
נייע נעסטען, נייע פויגעל
העלען נייע ליעדער זינגען; —

גלויב: די נאַכט וועט זיין פערשוואונדען
און די וואָלקענס אויך צורונען,
בלוי וועט זיין דער הימעל —
נייע שטערן, נייע זונען,

נייע רויזען, נייע בלומען
וועקט דעם פריהלינג׳ס זיסער הויך;
עס וועט שיינען, שמעקען, זינגען!
און — אויף אונזער קבר אויך!

י. ל. פרץ.

* *
*

ווי דער פויגעל זיי מונטער, וואָס זיצט אויפ׳ן בוימעל
און זינגט רוהיג זיין ליעדעל אָהן שרעק;
און עס מעג זיך צוברעכען אַ צווייגעל — ער ווייסט דאָך;
ער האָט פליגלען, דאַן פליהט ער אַוועק!

וויקטאָר הוגאָ.

* *
*

וויים: די קברים צו בעציערען
האָט בעשאַפען גאָט די בלומען...

בעראַנזשע.

* *
*

צושיידונג איז דאָס וויב פון טויט,
ביידע — מאוס׳ע עלטערען!
און האָבען דאָך געבוירען דאָס שענסטע קינד:
דאָס ווידערזעהן!

* *
*

זיי, וואָס דו ביזט און ווער, וואָס דו קענסט!

* *
*

עס, וואָס דו האָסט נאָר!
טרינק, וואָס ס׳איז קלאָר!
רעד, וואָס ס׳איז וואָהר!

* *
*

פרעה זיך, בחור!

פרעה זיך, בחור, אין דיין יוגענד
און פערגעס אָן מוסר, טוגענד —

נישט פאַר דיר איז דאָס געגעבען,
דו האָסט נאָר איין מצוה: לעבען!

גאָר נישט איז פאַר דיר פערבאָטען,
יעדע לוסט: פון גאָט, פון שטן...
זאָלען צוימען פאַר דיר קראַכען,
אַלע טויערען — זיך אויפמאַכען...

קלאַפ אין אַלע לעבענס-טהירען
און נישט קלעהר, וואוהין זיי פיהרען:
צו אין גהינם, צי'ן גן-עדן —
דאָס וועט שוין דער טויט בעשיידען!..

א. רייזען.

* *

מיט אַ שרעקענדיגען גייסט, ווערסטו קיינמאָל נישט אַרויפ-קלעטערען אויף די הויכקייטען פון לעבען!

פובליליוס.

איך האָב געטראָפען דאָס. וואָס קען דאָס אויג, דאָס האַרץ דערפרעהען.
גאָר קיינמאָל נישט — וואָס זאָל פערבייטען אונזער היימאַט...

באָדענשטעדט.

---

## III ווייןּ-ליעדער.

לאָזט די בעכערס שוימען ניכטערקייט איז אומעט,
מיט דעם רויטען וויין, גליק — איז שכור זיין;
קורץ איז אונזער לעבען, ניכטערקייט איז וואַסער,
לאָמיר פרעהליך זיין! שכרות—שטאַרקער וויין.

בלייך איז יעדע האָפנונג,
נאָגענדיג די פיין.
לאָמיר אַלץ פערגעסען
ביי אַ גלעזעל וויין!

## פון ליפּ צו ליפּ.

זופּ אוים דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק
און גיך גיב דעם כוס אַנ'אַנדערן;
פון ליפּ צו ליפּ און פון מויל צו מויל;
זאָל אייביג דאָס וויין־געפעס וואַנדערן...

צו האָט עס דיר גיפט אין דיין האַרצען געלאָזט,
און דו ביזט אין פיין פון דער גסיסה?
צו האָט עס אַ דורשט אין דיין גומען צוברענט,
און דו שמאַכטעסט נאָך די טראַנקען, די זיסע?

עס פרעגט דיך נישט מעהר און עס קימערט דיך נישט —
דו האָסט שוין דיין חלק געקריגען,
דאַן וויין אָדער לאַך, דאַן בענש אָדער פלוך
דעם נעכטיגען טאָג'ס פערגעניגען.

דרום זופּ פון דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק,
און גיך גיב דעם כוס אַנ'אַנדערן,
פון מויל צו מויל און פון ליפּ צו ליפּ,
זאָל אייביג דאָס וויין־געפעס וואַנדערן!

יהואש.

---

## וויין־ליעד.

קען איך וויסען וועלכע גלעזעל
האָט געמאַכט מיך שכור?
שכור זיין און אַלץ פערגעסען,
דאָס איז נאָר דער עיקר!

נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס לעצטע
איז דאָס גלעזעל וויין!
גרויסע פריידען האָט דאָס לעבען,
גרעסער איז דער פיין!

קען איך וויסען, וועלכע מיידעל
האָט מיין גייסט פערפיהרט ?
איין זאַך וויים איך, אַז פון ליעבע
איז מיין האַרץ געריהרט !

ליעבע, יוגענד, וויין און פרויען,
געהמט זיך אַלע האַנד אין האַנד !
גרינגער איז דעם יאָך צוטראָגען
אין דעם לעבען זאַלבענאַנד !

## IV חתונה־טאָסטען.

ליעבע זאָל אייך איהרע פריידען ברענגען,
גליק זאָל האַלטען אייער לעבען פעסט,
פריעדען זאָל מיט בלומען־קרענץ בעהענגען
יעדען ווינקעלע פון אייער נעסט !

וואָס קען איך ווינשען דיר, מיין ליעבער פריינד,
אַז גאָט האָט דיר דיין גרעסטען וואונש בעשערט;
דעם שענסטען אוצר האָט ער דיר געשענקט —
די ליעבע, ס'איז דאָס שענסטע אויף דער ערד.

## א חתונה־ליעד.

(פון ר' יהודה הלוי.)

זיצט אַ טויב ביי וואַסער־קוואַלען,
בלענדט דאָס אויג מיט איהרע שטראַהלען;
זילבער קריגט מען אין די מינען —
קען מען נאָך אַ טויב געפינען ?

וואָס זשע זוכסטו זיך געצעלטען? —
אין מיין האַרצען זענען וועלטען,
ברייטע צימערען און וועגען
אָנגעגרייט פון דיינעט וועגען!

דיינע שענע לאָקען זינקען:
צוויי וועלף פון דעם פאָר-וואַלד ווינקען...
ליכטער פון דער נאַכט און מאָרגען
זענען אין דיין בליק פערבאָרגען.

קום גלייך, טרייע, צו דיין שענעם:
בעסער איז צו זיין אינאיינעם,
די ליעבעס-צייט איז אָנגעקומען,
ווען עס קושען זיך די בלומען!

---

## V געבורטסטאג-טאסטען.

אין דעם קאַראַהאָד פון לעבען, וועל איך ווינשען דיר, מיין טרייער,
אין דעם לויף פון יאָהרען, אַז נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען
ביזטו איצטער, מיין געליעבטער, זאָלסטו מיט זיעג און גליק
נאָך אַ סטאַנציע אָבגעפאָהרען! אויף דעם וועג פון לעבען פאָהרען!

זאָלסט אין לויף פון דיינע יאָהרען
גאָלדענע פעדים נאָך געפינען,
אום אַ שטראַהלענדיגע צוקונפט
אין דיין האַרצען אויסצושפינען!

---

## VI אפאריזמען וועגען ליעבע, לעבען א. ז. וו.

קיין שנירעל. אָדער אַנקער-שטריק איז נישט אימשטאַנד אַזוי מעכטיג צו צוציהען און פעסט צונויפצובינדען ווי די ליעבע טוט עס מיט איין-איינציגען פאָדעם. (פוירטאָן.)

---

ליעבע — דאָס איז אַ הימעלס־טראָפּען, וואָס די געטער האָבען אַריינגעטריפּט אינ׳ם לעבענס־בעכער, אום צו פערזיסען זיין ביטערקייט.

(ראָשעסטער.)

---

די נשמה פון אַ פערליעבטען לעבט אין אַ פרעמדען קערפּער.

(קאַטאָ).

---

די ליעבע זעהט דאָס, וואָס קיין אויג זעהט נישט; די ליעבע הערט דאָס, וואָס קיין אויער הערט נישט; זי ערוועקט אין האַרץ פון מענשען אַזעלכע געפיהלען, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל נישט געאַהנט.

(לאַוואַטער).

---

די ליעבע, וואָס קומט פון האַרצען, ווייזט זיך ארויס אין טויזענד פּלוצלינגע אויסברוכען פון צערטליכקייט; אָבער יעדער קאַלטער און בערעכענטער אויסדרוק פון די ליידענשאַפטען זאָגט עדות אויף אַ קליינעם פערשטאַנד אָדער אויף אַ גרויסער אונאויפ־ריכטיגקייט.

(גאָלדסמיט).

---

מיט דער ליעבע געהט עס צו אַזוי, ווי מיט פּאָקען: ווער עס האָט נישט געליטען דערפון אין דער יוגענד, ביי דעם בעווייזט זיך עס שוין זעלטען אָדער קיינמאָל נישט.

(קאָצעבו).

---

ליעבע איז אַ עקסטרעם; ווענ**י**גע**ר** ליעבען, הייסט שוין: נישט ליעבען.

(פּעטי־סען).

---

געליעבטע זעהען די גאַנצע וועלט אין זיך; אַז די זעלביגע וועלט זעהט זיי — ווענען דעם טראַכטען זיי נישט.

(פּלאַטען).

---

מיר זעהען יעדען טאָג שריפטען, וואָס זענען געשריבען געוואָרען געגען דעם טיראַן פון מענשליכען לעבען, וועלכען מען רופט אָן ליעבע; און דאָך איז קיין מיטעל נישט אויסגעפונען געוואָרען געגען זיינע אכזריות און קיין פעסטונג, וואָס זאָל בעשיצען דעם מענשליכען פערשטאַנד פון זיינע אָנפאַלען;

(טאַטלער).

---

בלויז איינמאָל קענען מיר ליעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען, און דאָס איז נאָר צום ערשטען מאָל. די שפּעטערדיגע סימפּאַטיען אונזערע בעצווינגען אונז שוין נישט אַזוי שטאַרק.

(ברויער).

---

ליעבע, פונקט ווי אמונה, פאַלט אָפּט אריין אין כפירה.

(בײראָן).

---

פערשטעהן די אייגענע ליעבע און זי ערקלעהרען, קען נאָר דער, וואָס ליעבט שוואַך.

(פעטראַרקאַ).

---

חתונה האָבען מיט אַ מיידעל נאָר צוליעב איהר שענהייט, הייסט: קויפען אַ הויף נאָר צוליעב זיינע בלומען; דאָס לעצטע האָט, איבריגענס, נאָך אַ שטיקעל זין — בלומען וואַקסען אויף יעדעס יאָהר פונ'ם ניי.

(קאָצעבו.)

---

פערליעבט זיין הייסט: משוגע זיין מיט אַ געזונדטען פערשטאַנד.

(אוי, דאָם).

---

וואָס פאַר אַ פלאָם דער ווינט, דאָס זענען פאַר דער ליעבע — שטערונגען.

(לאַפּע דע וועגע).

---

אַביסעל דרייסקייט ברענגט תמיד ערפאָלג דעם געליעבטען. אומעטום פערליערען נאָר די שעמעוודיגע. איך וואָלט אפילו אַ געטין זיך ערקלעהרט אין ליעבע, אויב איך וואָלט זיך אין איהר פערליעבט.

(מאָלוער).

---

יעדע שעה, וואָס איז פערשוועגדט געוואָרען אין האַס, איז אַנ׳איוויגקייט, וואָס איז צוגענומען געוואָרען ביי דער ליעבע.

(בּערנע).

---

די ליעבעס מיט די סך „ערקלעהרונגען״ האָבען אין זיך גאַנץ וועניג — ליעבע.

(פּעטראַרקאַ).

---

פריינדשאַפט איז דער פרישענדעס וואַסער; ליעבע — פער־שכורענדער וויין.

* *
*

דורך דער צושיידונג ווערט די מעסיגע ליעבע אָבגעשוואַכט, די שטאַרקע אָבער — נאָך מעהר צופלאַקערט.

* *
*

וויפיעל וויץ, פריינדליכקייט און איבערגעגעבענהייט, וויפיעל טובות און העפליכקייט פאָדערען זיך, צו ערוועקען דורך יאָהרען צווישען פרייגד דאָס, וואָס אַ ליעבליך געזיכט אָדער אַ קלאָהר הענדטיל מאַכט אין איין מינוט?

(פּרויער).

---

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפונען קיין פרוי, פון וועל־בער איך וואָלט וועלען האָבען קינדער און נאָר איינע, וועלכע איך ליעב, האָב איך געפונען: איך ליעב דיך, איוויגקייט!

(ניצשע).

---

די בעשולדיגסט דער פרוי: זי וואַרפט זיך פון איינעם צום אַנדערן!

טאַדעל זי נישט: זי זוכט אַ בעשטענדיגען מאַן.

געטהע.

* *
*

ווי טייערער, גוטער וויין איז דאָס לעבען. ביסלעכווייז, זופּ פאַר זופּ מוזען מיר איהם טרינקען, דען דער בעסטער וויין פער־ליערט זיין געשמאַק און מ׳קען זיין ווערט נישט וויסען, ווען מ׳טרינקט איהם מיט איין אָטעם — ווי וואַסער.

פּיערבאַך.

* *
*

ווער עס זוכט אַ פריינד אָהן תתרונות, בלייבט אָהן אַ פריינד.

טערק. שפּריכוו.

* *
*

געלד פערלוירען — גאָרנישט פערלוירען; צייט פערלוירען — פיעל פערלוירען; מוט פערלוירען — אַלץ פערלוירען.

ריביירא.

* *
*

פאַר אַ מענשען, וואָס קען וועלען, איז קיין אונמעגליכע זאַך נישטאָ.

מיראַבאָ.

* *
*

ווער עס קען קיין פיינד נישט פערטראָגען, איז אויך קיין פריינד נישט ווערט.

שעפער.